STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02143

DER ERSHTER INTERNATSYONAL UN DI PARIZER KOMUNE

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרקסיסטישע שטודיר קורסן

דער ערשטער אינטערנאציאנאל און די פאריזער קאמונע

פערטע לעקציע

פ א ר ל א ג
אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן
80 פינפטע עוועניו
ניו יאָרק, 1933

Copyrighted 1933 by the
INTERNATIONAL WORKERS ORDER, Inc.
80 FIFTH AVENUE
NEW YORK

פערטע לעקציע
א י נ ה אַ ל ט

1. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל

1. די אנטוויקלונג פון דער ארבעטער־באוועגונג אין די הויפּט־לענדער. — די ארבעטער־באוועגונג אין ענגלאנד. — די ארבעטער־באוועגונג אין פראנק־רייך (פּרודאָניזם). — די ארבעטער־באוועגונג אין דייטשלאנד (לאסאליא־ניזם).

2. די גרינדונג פון דעם אינטערנאציאָנאל. — די פּראָגראם און סטאטוטן פון דעם אינטערנאציאָנאל.

3. דער ערשטער פּעריאָד פון דער געשיכטע פונם אינטערנאציאָנאל. — דער קאמף קעגן פּרודאָניזם.

4. דער צווייטער פּעריאָד פון דער געשיכטע פונם אינטערנאציאָנאל. — דער קאמף קעגן באקוניניזם.
5. די פראנצויזיש־דייטשע מלחמה און דער אינטערנאציאָנאל.

2. די פּאַריזער קאָמונע

1. די צווייטע אימפּעריע. — די פראנצויזישע ארבעטער־באוועגונג. — דאָס פאלן פון דער אימפּעריע. — די רעגירונג פון נאציאָנאלער פארטיידי־קונג.

2. די קאָמונע. — די באדייטונג פון דער קאָמונע און אירע טעותן. — מארקס, לענין און די סאָציאַל־דעמאָקראטן וועגן דער קאָמונע.

איינלייטונג

1. וועגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל

באמערקט די אונטערשיידן צווישן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון אייראָפּע אין דעם פּעריאָד פון די יאָרן 1860—1874 און אין דעם פּעריאָד פאר דער רעוואָלוציע פון דעם יאָר 1848.

פארגלייכט די פּראָגראם און די סטאטוטן פון דעם ערשטן אינטערנאציאָנאל מיט די פון דעם קאָמינטערן. אונטערזוכט די גרונטאָווּנע אונטערשיידן אין פּראָגראם און טאקטיק צווישן דעם מארקסיזם און די צוויי טענדענצן פון קליינבירגערלעכן סאָציאליזם, פּרודאָניזם און באקוניניזם; געפינט אויך די אורזאכן פארוואָס באקונינס אידייען האָבן געהאט אזא גרויסן איינפלוס אין די זיבעציקער יאָרן. פארגלייכט די שטעלונג, וואָס דער ערשטער אינטערנאציאָנאל האָט גענומען צו דער פראנצויזיש־דייטשער מלחמה, מיט דער שטעלונג פון דעם צווייטן אינטערנאציאָנאל אין יאָר 1914.

באמערקט די לאגע פון דער ארבעטער־באוועגונג אין יעדן לאנד פון מערב־אייראָפּע, די ענדערונגען אין דער רעספּעקטיווער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג פון יעדן פון זיי אין די זיבעציקער יאָרן, און די ווירקונג דערפון אויף דער ירידה פון דעם אינטערנאציאָנאל.

2. וועגן דער פּאַריזער קאָמונע.

באמערקט, אז אין דער פראנצויזיש־דייטשער מלחמה האָט דער פראנצויזישער פּראָלעטאריאט גערופן צו דער פארטיידיקונג פונם פאָטערלאנד, איינשטעלנדיק אזוי־ארום א בונד צווישן דעם ארבעטער־קלאס מיט דעם קליינבירגערטום. שטודירט די פארשיידענע גרופּן אין דער קאָמונע (בלאנקיסטן, יאקאָבינער און פּרודאָניסטן).

באמערקענדיק די טעותן, וואָס ס'האָט געמאכט די קאָמונע, שענקט ספּעציעלע אויפמערקזאמקייט דער ראָליע און דעם איינפלוס פון די קליינבירגערלעכע עלעמענטן.

לייענט וואָס מארקס און לענין האָבן געשריבן וועגן דער קאָמונע. פארגלייכט עס מיט דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין רוסלאנד אין 1917.

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל און די פּאַריזער קאָמונע

1. דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל

1. די אַנטוויקלונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די וויכטיקסטע לענדער.

נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע פונם יאָר 1848, איז געקומען אַ לענגערער פעריאָד פון שטילשטאַנד אין דעם פּאָליטישן לעבן פון מערב־אייראָפּע, ווען די רעאַקציע האָט געהאַט די פולשטענדיקע אויבערהאַנט. די עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג איז, פאַרקערט, אָנגעגאַנגען זייער שנעל. אין די פופציקער־יאָרן האָט זיך אָנגעהויבן אַ פעריאָד פון ביז דאַן נאָך ניט געוועזענעם אינדוסטריעלן פאָרשריט. דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך פון ענגלאַנד און פראַנקרייך אָנגעהויבן אויסשפּרייטן אין די מער אָפּגעשטאַ־נענע לענדער, וואו ער האָט דורכגעבראָכן און פאַרניכטעט די פאַר־קאַפּי־טאַליסטישע פאָרמען פון פּראָדוקציע און רואינירט דאָס פויערטום און די שטאָטישע קליינבורזשואזיע. דערמיט איז געשאַפן געוואָרן אַ באַזיצ־לאָזער אַרבעטער־קלאַס און די באַדינגונגען פאַר קאַפּיטאַליסטישער אינ־דוסטריע. ענגלאַנד האָט אין איר קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג וווייט איבערגעשטיגן די אַנדערע לענדער. אין די פופציקער־יאָרן זיינען די שטאָט־איינוואוינער געווען מער ווי אַ העלפט פון דער אַלגעמיינער באַ־פעלקערונג. די פּראָדוקציע פון קוילן איז געוואַקסן פון צען מיליאָן טאָן אין יאָר 1800 צו 61 מיליאָן אין 1855. די אייזן־פּראָדוקציע איז געשטיגן פון 1,390,000 טאָן אין יאָר 1840 צו 3,218,000 טאָן אין 1855. די טעקסטיל־אינדוסטריע איז געוואַקסן גוואַלטיק שנעל: אין יאָר 1832 זיינען געווען באַשעפטיקט צוויי מיליאָן שפּינדלען; אין 1858 האָבן שוין גע־אַרבעט 28 מיליאָן שפּינדלען. אין משך פון דעם פעריאָד פון 1854 ביז 1864 זיינען די אייזנבאַן־מיילן געוואַקסן פון 8,034 צו 12,789. ענגלאַנד איז אין די פופציקער־יאָרן געווען די אומבאַשטרייטבאַרע פירערין פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

אין פראַנקרייך איז אין דער עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָן דעם דריטן אָנ־געגאַנגען אַן אומאונטערבראָכענע אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם. די קוילן־פּראָדוקציע האָט אין יאָר 1852 אָנגעטראָפן 4,904,000 טאָן; אין 1862 איז זי אויסגעוואַקסן צו 10,317,000 טאָן. די אייזן־פּראָדוקציע איז אין משך פון דעם זעלבן פעריאָד געוואַקסן פון 522,000 צו 1,091,000 טאָן. אין 1840 זיינען איבער גאַנץ פראַנקרייך געווען 3,200 אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באַנוצט דאַמף־קראַפט, אין 1852 — 6,500; אין 1862 — 15,000.

אין 1840 האָט פראַנקרייך געהאַט 1,832 קילאָמעטער אייזנבאַנען; אין 1860 — 9,439 קילאָמעטער.

אין גראַד פון קאָנצענטראַציע איז אָבער די פראַנצויזישע אינדוסטריע געבליבן שטאַרק אָפּגעשטאַנען אין פאַרגלייך מיט דער בריטישער. קליין־און־מיטל־אינדוסטריע זיינען נאָך געבליבן דאָמינירנדיק. דער קאַפּיטאַליזם האָט אויך געמאַכט גרויס פּראָגרעס אין דייטשלאַנד, וואו ער האָט, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, זיך אָנגעהויבן שנעל צו אַנטוויקלען. די פּראָדוקציע פון קוילן און אייזן איז געוואַקסן; די שטאָל און טעקסטיל אינדוסטריעס האָבן זיך פאַרשפּרייט; דער טראַנספּאָרט דורך אייזנבאַן און דאַמפשיף איז געוואַקסן אין שטח; דער אויסערלאַנדער האַנדל האָט זיך פאַרגרעסערט און צוזאַמען דערמיט איז די אינדוסטריע געוואָרן מער און מער קאָנצענטרירט. די פּאָליטישע צובראָכענקייט פון דייטשלאַנד האָט אָבער געשאַפן ערנסטע שטערונגען אויפן וועג פון דערפאָלגרייכער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

אָט־די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם איז ניט געווען באַגרעניצט בלויז צו מערב אייראָפּע; דער קאַפּיטאַליזם איז געוואָרן אַ וועלט־סיסטעם און אַריינגעצויגן סיי צפון־אַמעריקע, סיי רוסלאַנד אין זיין ספערע. אין דער זעלביקער צייט זענען פאָרגעקומען אַ צאָל נאַציאָנאַלע רעוואָלוציעס אין מערב אייראָפּע, וואָס האָבן געפירט צו דער נאַציאָנאַלער פאַראייניקונג פון דייטשלאַנד און איטאַליע.

די אַרבעטער באַוועגונג, וועלכע איז פאַר אַ צייט געבליבן שטיין אויף איין פּלאַץ נאָך די נידערלאַגעס פון יאָר 1848, האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן קומען צו זיך נאָך די מיטעלע פופציקער יאָרן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זענען אַרויסגעקומען אויף דער סצענע, אמת, דערווייל זייער שוואַך, צוטיילט צווישן זיך און אָן אַ קלאָרער פּאָליטישער פאָרם.

די אַרבעטער־באַוועגונג אין ענגלאַנד

אין די פופציקער יאָרן איז דער ענגלישער אַרבעטער־קלאַס געווען פּאָליטיש געבראָכן צוליב דער נידערלאַגע פון טשאַרטיזם. דער אינדוסטריעלער פאָרשריט פון דעם לאַנד, וועלכע איז אין יענער צייט געווען ווירקלאַך דער „וואַרשטאַט פון דער וועלט". דער שטאַרקער שטראָם פון עמיגראַציע אין די פאַראייניקטע שטאַטן און קיין אויסטראַליע (אין משך פון עטלאַכע יאָר האָבן אַרום צוויי מיליאָן אַרבעטער אַרויסגעוואַנדערט פון ענגלאַנד), דורך וואָס ענגלאַנד האָט פאַרלוירן די בעסטע און ענערגישסטע עלעמענטן פון דעם אַרבעטער־קלאַס, די פאַרהעלנישמעסיק הויכע אַרבעטלוינען און די זעלטענקייט פון אַרבעטלאָזיקייט — אָט־די אַלע באַדינגונ־

גען זענען ניט געווען גינסטיק פאר אן אויפלעבונג אין דער ענגלישער אר־בעטער־באוועגונג. אומאייניקייט און פאך־שמאלקייט אין די פראלעטארישע ארגאניזאציעס, די מורא פאר פאליטישער אקציע, דער פארלאנג צו האלטן זיך אין די שמאלע ראמען פון דעם אינדוסטריעלן קאמף — דאס זענען געווען די שטריכן וואס האבן כאראקטעריזירט די ענגלישע ארבעטער־באוועגונג אין יענער צייט. די ארגאניזאציעס, וועלכע האבן געוויזן סמנים פון וואוקס אין יענעם פעריאד, זיינען געווען פון דעם אומשולדיקסטן סאציאלן כאראקטער—ניכטערקייט־געזעלשאפטן, קאאפעראטיווע פאראייגען און קענגזייטיקע הילף פאראיינען (אין יאר 1895 האבן אט־די לעצטע גע־האט א מיטגלידערשאפט פון דריי מיליאן). דורך אט־די ארגאניזאציעס איז דער ארבעטער־קלאס אפגעצויגן געווארן פון פאליטישן לעבן און פון דעם וועג פון קלאסן־קאמף. די טרייד יוניאנס זענען געוואקסן לאנגזאם און אן דער ריכטונג פון פאך־צענטראליזאציע. זייער אויפמערקזאמקייט איז געווען איינגאנצן פארנומען מיטן קאמף פאר קליינע עקאנאמישע הנחות. פון דעם פאליטישן שטאנדפונקט זענען זיי געווען צופרידן מיט דערגאנצן די טעטיקייט פון די בורזשואזע פארטייען, אונטערשטיצנדיק געוויינטלעך די ליבעראלן, אדער זייער „ראדיקאלן" פליגל.

די לאגע האט זיך אנגעהויבן א ביסל צו ענדערן ארום דעם סוף פון די 50ער יארן, נאכדעם ווי דער קריזיס פון 1857 האט פארשארפט דעם קלאסנקאמף. דער קאפיטאליסטישער אנגריף, דער פארזוך ארויפצולייגן די משא פון דעם קריזיס אויף די פלייצעס פון די ארבעטער, האט ארויס־גערופן א כוואליע פון סטרייקס, די וויכטיקסטע זענען געווען די סטרייקס פון די בוי־ארבעטער אין די יארן—1859 און 1861. אט די סטרייקס האבן אויפגערודערט די ענגלישע ארבעטער און זיי געוויזן די באגרעניצט־קייט פון דער פאליטיק פון פאך־אפגעזונדערטקייט. דאן האט זיך אין לאנדאן געגרינדעט דער ערשטער טריידס־קאונסיל אין יאר 1861, נאך וועלכן עס איז געקומען דער ערשטער טרייד יוניאן קאנגרעס אין יאר 1886, און דערנאך האט די טענדענץ צו שאפן גרעסערע „אמאלגאמירטע" טרייד יוני־אנס געקראגן א שטארקן שטופ פאראויס.

די ארבעטער־באוועגונג אין פראנקרייך (פרודאניזם)

אין פראנקרייך האבן די יוני־טעג פון יאר 1848, און די רעפרעסיעס וואס האבן נאכגעפאלגט, דערלאנגט א שווערן קלאפ דער קאמף־באוועגונג פון די ארבעטער. די פרידליכע קליין־בורזשואזע טעאריעס פון פרודאנען, וועלכע זיינען געווען ווייט פון וועלכן־ניט־איז רעוואלוציאנערן גייסט, זענען געווארן די דאמינירנדיקע אידעאלאגישע טענדענץ.

פרודאָן איז געווען א שונא פון קאַפּיטאַליזם ; אָבער ער האָט געהאַלטן, אַז אָרימקייט אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט שטאַמט ניט פון דער ספערע פון פּראָדוקציע, נאָר אין דעם אויסטויש — דער טיפּישער שטאַנדפּונקט פון דער קליין־בורזשואַזיע. פון אָט־דעם שטאַנדפּונקט איז ער געקומען צום שלום, אַז די מעטאָדן פון קאַמף געגן קאַפּיטאַליזם דאַרפן זיין די אָרגאַניזירונג פון געגנזייטיקע קרעדיט־געזעלשאַפטן, קאָאָפּעראַטיוון און ענלעכע אָרגאַניזאַציעס.

פרודאָן איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט. סאָציאַלן באַזיץ פון די מיטלען פון פּראָדוקציע האָט ער געהאַלטן פאַר „גראָבע טיראַניי"; א קאָמוניסטישע געזעלשאַפט — פאַר א געזעלשאַפט פון שקלאַפן, א „טשערעדע". ער איז געווען א ליידנשאַפטליכער אָנהענגער פון פּריוואַט אייגנטום. זיין סאָציאַלער אידעאַל איז געווען א געזעלשאַפט פון קליין אייגנטימער, וואָס האַנדלען ווי זעלבסטשטענדיקע פּראָדוצירער פון סחורות, אינגאַנצן פריי פון דעם סאָציאַלן געשוויר, וואָס הייסט קאַפּיטאַליזם. ער איז געווען קעגן דעם פּאָליטישן קאַמף פון אַרבעטער קלאַס. אפילו סטרייקס זענען פאַר אים געווען אומווירדיקע און אוממאָראַלישע וואָפנס פון קאַמף. אַלס אַן אָנהענגער פון א געזעלשאַפט אָן הערשער — פון א פרייער געזעלשאַפט פון פרייע געמיינדעס — האָט ער גערופן זיינע אָנהענגער צו בלייבן פּאַסיוו בנוגע דער מלוכה. אנשטאַט נוצן די כחות אַרויסגערופן דורך דער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט פאַרן קאַמף קעגן דער בורזשואַזיע, האָבן די פּרודאָניסטן געפּרואווט לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעם דורך שטעלן זי אויסער דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, דורך אַרבעטן, אַזוי צו זאָגן, הינטער איר פּלייצע.

דער פּרודאָניזם האָט פאַרטראָטן די אינטערעסן פון די באַלמעלאָכישע קליין־פּראָדוצירער, וועמען דער קאַפּיטאַליזם האָט רואינירט און וועלכע האָבן געזוכט צוריק צו געווינען זייער עקאָנאָמישע זעלבסטשטענדיקייט. די פּאָפּולאַריטעט, וואָס אָט־די דורכאויס קליין־בורזשואַזע, רעאַקציאָנערע טעאָריע האָט געוואונען צווישן די פראַנצויזישע אַרבעטער קאָן דערקלערט ווערן בלויז דורך דער פּאָליטישער אומרייפקייט פון דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט אַלס א קלאַס. ס'איז נאָך ניט געווען קיין שאַרף אָפּגעגרעניצטע צוטיילונג־ליניע צווישן לוין־אַרבעטער און באַלמעלאָכעם אין א ריי וויכטיקע צווייגן פון פראַנצויזישער אינדוסטריע (די פּראָדוקציע פון לוקסוס אַרטיקלען, קליידונג, מעבל און אַזוי ווייטער).

געוויסע טיילן פון די אַרבעטער זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון די אַגענטן פון דער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע. כדי צו האַלטן די אַרבעטער רואיק האָט מען זיי געגעבן קליינע מאַטעריעלע הנחות, וועלכע האָבן געזאָלט אונטערקויפן די אַרבעטער, זיי זאָלן זיך אָפּזאָגן פון פּאָליטישן קאַמף.

(דאָס איז געוואָרן באַקאַנט אַלס פּאָליציי־סאָציאַליזם). אַ טייל פון די אַרבעטער, אַמת קליין אין צאָל, האָבן נאָכגעפאָלט בלאַנקין. ער האָט גע־פּרואווט אָרגאַניזירן אַ קאָנספּיראַטאַרישע גרופּע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע האָבן געזאָלט אין דעם גינסטיקן מאָמענט מאַכן אַ „קו ד'עטא" (אַ מלוכה־איבערקערעניש), עטאַבלירן זייער אייגענע דיקטאַטור און אָנהויבן טראַנס־פאָרמירן די געזעלשאַפט. די בלאַנקיסטן זענען געווען אומקאָמפּראָמיס־לעכע שונאים פון דער נאַפּאָלעאָנישער אימפּעריע און האָבן אָנגעפירט אַן ענערגישן קאַמף קעגן איר. אָבער זיי האָבן זיך וויניק פאַראינטערעסירט מיט סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פראַגן, האָבן געהאַלטן פאַר ניט וויכטיק אָנצופירן אַ טעטיקייט צווישן די מאַסן, וואָס דערקלערט זייער קליינקייט אין צאָל.

די אַרבעטער באַוועגונג אין דייטשלאַנד (לאַסאַליאַניזם)

דער דייטשער אַרבעטער־קלאַס איז אויך גרינטלאַך באַווירקט געוואָרן פון דער נידערלאַגע אין יאָר 1848. ביז די 60ער יאָרן האָבן די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס (הויפּטזאַכלאַך אַרבעטער בילדונגס פאַראיינען) נאָכגעפאָלגט די ליבעראַלע בורזשואַזיע. אָבער דער שנעלער וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין דייטשלאַנד, וואָס האָט זי אין די 60ער און 70ער יאָרן טראַנספאָרמירט אין אַ הויך אַנטוויקלטן אינדוסטריעלן לאַנד, האָט מיט זיך געבראַכט פאָר־שריט אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט געמאַכט די אַרבעטער מער זעלבסטשטענדיק פּאָליטיש. אין יאָר 1862 איז, אויף דער איניציאַטיווע פון די אַרבעטער פון זאַקסן, געגרינדעט געוואָרן אַ צענטראַל קאָמיטעט אין לייפּציג מיטן צוועק צוזאַמענרופן אַ נאַציאָנאַלן אַרבעטער־קאָנגרעס. דער לייפּציגער קאָמיטעט האָט זיך געווענדעט צו לאַסאַלן (געבוירן אין יאָר 1825, געשטאָרבן אין יאָר 1864), וועלכער איז דאַן געווען אַ באַקאַנטער ראַדיקאַלער פּאָליטיקער, און אים אויפגעפאָדערט אויסצודריקן זיין מיינונג וועגן די אויפגאַבן פון אַרבעטער־קלאַס. לאַסאַלס ענטפער — דער באַ־רימטער אָפענער בריוו, אין וועלכן ער האָט באַטאָנט די נויטיקייט אָפּצו־שפּאַלטן זיך פון די פּראָגרעסיווע (די פּאַרטיי פון דער ליבעראַלער בור־זשואַזיע) און צו פאָרמירן אַ זעלבסטשטענדיקע פּראָלעטאַרישע אָרגאַני־זאַציע — איז פון דעם קאָמיטעט באַשטימט געוואָרן אַלס די פּראָגראַם פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג. דעם 13טן מאַי, 1863, איז אין לייפּציג געגרינדעט געוואָרן דער פאַרבאַנד פון דייטשע אַרבעטער מיט לאַסאַלן אַלס פּרעזידענט. לאַסאַל איז דאַן דערוויילט געוואָרן פאַר דעם אַמט אויף 5 יאָר און נאָך זיין טויט, אין 1864, איז דער אַמט פאַרנומען געוואָרן פון שווייצערן (געבוירן 1833 — געשטאָרבן 1875).

ס'איז קיין ספק ניט, אז לאסאל האָט א סך געדינט דער ארבעטער־באַוועגונג פון דייטשלאַנד דערמיט, וואָס ער האָט אויפגעוועקט דעם קלאַסן באַוואוסטזיין פון דעם פּראָלעטאריאַט און אים אָרגאַניזירט זעלבסטשטענדיק. אָבער לאסאַל איז אויך געווען דער פאָטער פון אָפּאָרטוניזם און אין דער הינזיכט האָט ער געהאַט א זייער שעדלאַכן איינפלוס אויף דער דייטשער ארבעטער־באַוועגונג.

לאסאלס טאַקטיק, ווי אויך זיינע פּרינציפּן, זענען ניט געווען מאַרקסיסטיש. אין זיין קאַמף קעגן דער ליבעראַלער בורזשואַזיע האָט לאסאַל געפּרואווט קריגן די סימפּאַטיע פון די יונקערס און פאַר זיין שטיצע צו ביסמאַרקן האָט ער געהאָפט צו געווינען הנחות פאַרן ארבעטער־קלאַס. אָט די טאַקטיק האָט ביסלאַכוויז פאַרוואַנדלט די ארבעטער־באַוועגונג אין א זייל פון פּרייסישן אַבסאָלוטיזם. מאַרקס, אַלס אַן אומקאָמפּראָמיסלעכער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציאָנער, האָט געהאַלטן לאסאלס „רעאַליזם" אַלס פאַוראַט צו דער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג און ער האָט אים אַלס א זעלכן פאַורדאַמט. (1)

לאסאַל איז אויך ניט געווען קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט; זיינע פילאָזאָפישע אידייען האָבן געטראָגן אַן אידעאַליסטישן כאַראַקטער. ער

---

(1) דאָס פאַרגלעטן לאסאל'ס און שוועיצער'ס פּאָליטישע מאַניעווערס איז אַן ערנסטער טעות אין דעם בוך פון פראַנץ מערינג, „די געשיכטע פון דער דייטשער סאָציאַל דעמאָקראַטיע", וועלכער איז אחוץ אָט־דעם חיסרון זייער א וויכטיקער בוך. מערינג באַשולדיקט מאַרקסן, אז ער איז געווען אומגערעכט פאָראורטיילט קעגן לאסאַלן. דאָ ניט לאַנג זיינען אַנטדעקט געוואָרן בריוו וואָס באַווייזן אומבאַשטרייטבאַר, אז לאסאַל האָט געשלאָסן א בונד מיט ביסמאַרקן און אַז שוועיצער האָט ווירקלעך געקראָגן געלט פון ביסמאַרקן. מאַרקס איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אין יאָר 1865 געשריבן צו קוגעלמאַנען: „לאסאַל האָט פאַקטיש פאַרראַטן די פּאַרטיי. ער האָט געשלאָסן א פאָרמעלן אָפּמאַך מיט ביסמאַרקן (און דערביי, נאַטירלעך, ניט קריגנדיק קיין גאַראַנטיעס פון אים)". אין סוף סעפּטעמבער 1864 האָט ער געזאָלט פאָרן קיין האַמבורג און דאָרטן (צוזאַמען מיט דעם משוגע'נעם שראַם, און דעם פּרייסישן פּאָליציי־שפּיאָן, מאַר) צווינגען ביסמאַרקן צו פאַרענדיקן די איינשליסונג פון שלעזוויג־האָלשטיין; דאָס הייסט, ער האָט דאָס געדאַרפט פּראָקלאַמירן אין נאָמען פון די ארבעטער, און דערפאַר האָט ביסמאַרק פאַרשפּראָכן אַלגעמיינע וואַל־רעכט און עטלעכע סאָציאַליסטישע שאַרלאַטאַנסטוועס". (אָט דער בריוו איז א לאַנגע צייט באַהאַלטן געוואָרן אין געהיים פון קאַוטסקין, וועלכער האָט אים פאַרעפנטלעכט ערשט אין יאָר 1919, ווען ער האָט געהאַט א מחלוקת מיט די רעכטע סאָציאַל דעמאָקראַטן).

האָט ניט געהאַט קיין קלאָרן באַגריף וועגן דעם קלאַסן כאַראַקטער פון דער בורזשואַזער מלוכה. לויט זיין מיינונג איז „די אמתע פונקציע פון דער מלוכה, זינט די פריסטע צייטן, געווען צו דערציען און אַנטוויקלען די מענטשהייט צו פרייהייט". מיט אָט־דעם בורזשואַזען אידעאַליסטישן באַגריף פון דער מלוכה אלס א באַזיס, האָט לאַסאַל צוגעגעבן צופיל וויכטיקייט דעם אַלגעמיינעם וואַלרעכט און ער האָט געגלויבט, אַז דערמיט אַליין קען מען „גאַראַנטירן געגוגנדע פאַרטרעטערשאַפט די אינטערעסן פון די דייטשע אַרבעטער און ווירקלעך אָפּשאַפן קלאַסן קעגנזאַצן". (פון די סטאַטוטן פון דעם פאַרבאַנד פון דייטשע אַרבעטער, אָנגענומען אין 1863). די דייטשע סאָציאַל דעמאָקראַטן פון היינט שטיצן פולשטענדיק אָט די אידייעס, און זיי פּראָקלאַמירן ווידער אַמאָל לאַסאַל'ס גלויבן אין „ריינער דעמאָקראַטיע". לאַסאַל האָט ניט געמאַכט קיין אונטערשייד צווישן די פאַרשיידענע קלאַסנבאַזעס צווישן די שונאים פון דעם פּראָלעטאַריאַט. פאַר אים זענען די פּויערים געווען ניט מער ווי קאָנסערוואַטיווע אַנטי־אַרבעטער עלעמענטן. לאַסאַל איז אויך ניט געווען קיין אינטערנאַציאָנאַליסט.

„אין קאָנטראַסט צום קאָמוניסטישן מאַניפעסט, און צו אַלע אַנדערע פריערדיקע פאָרמען פון סאָציאַליזם, האָט לאַסאַל געקוקט אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג פון דעם שמאָלסטן נאַציאָנאַלן שטאַנדפּונקט". (מאַרקס־ענגעלס, „פּראָגראַם קריטיקן")

אין אַלע וויכטיקע פראַגן, אַזעלכע ווי דייטשע אייניקייט אונטער פּרייסישער פירערשאַפט, וועגן אינקאָרפּאָרירן פּוילן אַלס טייל פון דייטשלאַנד, און ביסמאַרק'ס פּלענער פאַר גוואַלטזאַמער אַנעקסיע, האָט לאַסאַל גענומען א סאָציאַל־פּאַטריאָטישע שטעלונג. דער סאָציאַל־דעמאָקראַט קאָנראַד העניש, וועלכער איז אין יאָר 1914 געוואָרן א פּאַטריאָט, איז דעריבער געווען קאָנסעקווענט ווען ער האָט געשריבן:

„לאַסאַל, כאָטש טויט, לעבט היינט מער ווי ווען ניט איז; ער לעבט ניט נאָר אין זיין פּאַרטיי, נאָר אין דעם גאַנצן דייטשן פאָלק".

ניט געקוקט אויף דעם פונדאַמענטאַל־רעפאָרמיסטישן און אַנטי־רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער פון זיין לערע האָט לאַסאַל פאָרט געשפּילט א געוויסע פּאָזיטיווע ראָל אין דער געשיכטע פון דער דייטשער אַרבעטער־באַוועגונג, ווייל ער האָט, צווישן אַנדערע זאַכן, פּאָפּולאַריזירט א צאָל פון

מארקסעס אידייעס צווישן דעם דייטשן פראָלעטאריאט, כאָטש ער האָט דערביי, אמת, ניט אָנגעוויזן וואו ער האָט זיי גענומען. (1)

בנוגע דער אָרגאַניזאַציע פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָט דער פאַרבאַנד פון דייטשע אַרבעטער בסדר דערקלערט, אז ער אַנערקענט די פּרינציפּן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, אָבער ער איז ניט אַריינגעטראָטן אין ענגערער פאַרבינדונג מיט אים, ווייל אַזאַ האַנדלונג וואָלט געווען קעגן דעם פּרייסישן געזעץ.

די צווייטע אָרגאַניזאַציע פון דעם דייטשן פּראָלעטאַריאַט איז געווען די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי, וועלכע איז געגרינדעט געוואָרן אין אייזענאַך אין דעם יאָר 1869, אויף אַ קאָנגרעס פון דער ליג פון אַרבעטער בילדונג־פאַראיינען. אָט־די אָרגאַניזאַציע האָט זיך צום ערשטן פאַרבונדן מיט דער קליינבירגערלאַכער פאָלקס־פּאַרטיי פון זאַקסן, אַ ראַדיקאַל־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. די פירער פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אַרבעטער־פּאַרטיי זענען געווען ווילהעלם ליבקנעכט (געבוירן 1826; געשטאָרבן, 1900) און אויגוסט בעבל (געבוירן, 1840; געשטאָרבן, 1913). די „אייזענאַכער", כאָטש זיי האָבן געהאַט אַ סך פון לאַסאַלס פאַלשע אידייעס, זענען דאָך געווען נעענטער צום מאַרקסיזם און געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט'ן אינטערנאַציאָנאַל.

די גרינדונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל

אין די 50ער יאָרן איז פאָרגעקומען אַן אויפלעבונג אין די אַרבעטער־באַוועגונגען פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. דער אַמעריקאַנער בירגער־קריג (1861־1865) האָט געבראַכט אַ באַוול־הונגער אין אייראָפּע, וואָס האָט שטאַרק געטראָפן דער טעקסטיל אינדוסטריע. טויזענטער אַרבעטער זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס. די באַלעבאַטים האָבן געפּרואווט פאַרערגערן די אַרבעט־באַדינגונגען און דאָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן ווידערשטאַנד. דער לאָנדאָנער טריידס־קאָונסיל האָט אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלן הילף־קאָמיטעט פאַר די אַרבעטלאָזע, און אַן ענלאַכער קאָמיטעט איז

---

(1) „לאַסאַל האָט געקענט דעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט אויסנווייניק, פּונקט ווי זיינע תלמידים האָבן געקענט פון אויסנווייניק זיינע אייגענע הייליקע שריפטן. דעריבער, ווען ער האָט אים פאַרקריפּלט, האָט ער עס געטאָן בלויז גוט צו מאַכן זיין בונד מיט די אַבסאָלוטיסטישע און פעאָדאַלע שונאים פון דער בורזשואַזיע". אין אַ בריוו צו קוגעלמאַנען רעדט מאַרקס נאָך אפילו שאַרפער, דערמאָנענדיק דעם „אומפאַרשעמטן פּלאַגיאַריזם" וואָס לאַסאַל האָט געמאַכט פון זיינע ווערק.

געשאַפן געוואָרן אין פראַנקרייך. די צוויי קאָמיטעטן האָבן זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג און אַזוי־אַרום האָבן די ענגליש־פראַנצויזישע אַרבעטער פאַר זיך געהאַט אַ לעבעדיקן און איבערציַיגנדיקן בייַשפּיל פון דער איינִיקייט פון די אַרבעטער אינטערעסן אין די פאַרשיידענע לענדער.

נאָך אַ פּאַסירונג, וואָס האָט אויפגעוועקט דעם אייראָפּייאישן פּראָ־לעטאַריאַט איז געווען דער פּוילישער אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד אין יאָר 1863. די אַרבעטער האָבן אויף אָט־דער פּאַסירונג געענטפערט מיט ליידנ־שאַפטלעכער סימפּאַטיע. אין ענגלאַנד און אין פראַנקרייך איז אָנגעפירט געוואָרן אַ שטאַרקע אַגיטאַציע צו שטיצן דעם אויפשטאַנד; מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס זענען דורכגעפירט געוואָרן און די רעגירונגען זענען אויפגעפאָדערט געוואָרן צו העלפן פּוילן. אין יאָר 1863 איז אַן אינטער־נאַציאָנאַלער מיטינג צו דערקלערן סימפּאַטיע מיט די פּוילישע אויפשטענד־לער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן, וואו ענגלישע טרייד־יוניאָניסטן און פאַרטרעטער פון פראַנצויזישע אַרבעטער זענען געווען אָנוועזנד. אויף יענעם מיטינג האָבן די טרייד יוניאָניסטן פאָרגעשלאָגן אַ דיסקוסיע וועגן דער נויטווענדיקייט אָנצוהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט צווישן די אַרבעטער פון ענגלאַנד און פון דעם אייראָפּייאישן קאָנטינענט. פאַר די ענגלישע טרייד יוניאָניסטן איז די פראַגע פון קאָנקורענץ פון די פּראָדוקטן פון ביליגער אויסלענדישער אַרבעט, וועלכע די ענגלישע קאַפּיטאַליסטן האָבן אימפּאָרטירט פון פראַנקרייך, בעלגיע און דייטשלאַנד, געווען פון גרויס וויכטיקייט. אַ פאַרזוך האָט דעריבער געמוזט געמאַכט ווערן צו קעמפן קעגן דעם דורך אַ פאַראייניקונג צווישן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די אַלע לענדער. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ענגלישע אַרבעטער זאָלן אַפּעלירן צו די פראַנצויזישע אַרבעטער אין דער פראַגע. דער אויפ־רוף, וועלכער איז געשריבן געוואָרן תיכף נאָך דער דיסקוסיע, האָט אַנט־האַלטן די פאָלגענדיקע ווערטער:

„די ברודערשאַפט פון פעלקער איז פון גרעסטער וויכטיקייט פאַר די אַרבעטער, ווייל יעדעס מאָל ווען מיר פּרוּוון פאַרבעסערן אונזער לאַגע דורך פאַרקירצערן דעם אַרבעטס־טאָג אָדער דורך העכערונג פון לוין סטראַשען די קאַפּיטאַליסטן צו ברענגען פראַנצויזישע, בעלגישע און דייטשע אַרבעטער, וועלכע וועלן טאָן אונזער אַרבעט פאַר אַ נידעריקערן לוין... אומגליקלעכערווייז ווערט אָט־דער סטראַשונעק אָפט מאָל דורכ־געפירט“.

די פראַנצויזישע אַרבעטער האָבן געענטפערט מיט אַ יאָר שפּעטער. אין דער צווישן־צייט האָבן זיך זייערע אָרגאַניזאַציעס אינגאַנצן אָפּגעגעבן צו די וואַלן אין פּאַרלאַמענט, אין וועלכע זיי האָבן צום ערשטן מאָל אַרויס־

געשטעלט זעלבסטשטענדיקע דעפוטאטן. די נויטווענדיקייט אין אזא זעלבסט־שטענדיקער האנדלונג איז באַרעכטיקט געוואָרן אין אַ ספּעציעלער פּראָגראַם, וועלכע האָט זיך גערופן, „דער מאַניפעסט פון די 60“ (1864). אזוי ווייט ווי אָט־די פּראָגראַם האָט קריטיקירט די בורזשואזע געזעלשאַפט־לעכע אָרדנונג איז זי געווען פּרודאָניסטיש, אָבער אין פראגן פון פּאָליטישער טאַקטיק האָט זי זיך שאַרף פאַנאַנדערגעטיילט פון פּרודאָנס טעאָריעס. דער מאַניפעסט האָט גערופן צו גרינדן אַ באַזונדערע פּאָליטישע אָרגאַני־זאַציע פון די אַרבעטער און אַז די אַרבעטער זאָלן נאָמינירן זייערע אייגענע קאַנדידאַטן צו די וואַלן.

דער ענטפער פון די פראַנצויזישע אַרבעטער אויף דער ענגלישער ווענ־דונג: הזרט אין קורצן איבער פּרודאָנס קריטיק פון קאַפּיטאַליסטישער קאָנקורענץ און קאַפּיטאַליסטישן מאָנאָפּאָל. אין קעגנזאַץ צו די ענגלישע אַרבעטער, וועלכע האָבן אונטערשטראָכן דעם טרייד יוניאָן קאַמף, האָבן די פראַנצויזישע געגעבן מער אויפמערקזאַמקייט צו די פראַגן פון אינדוס־טריעלן פּראָגרעס, אַרבעט־צוטיילונג און פריי־האַנדל.

„דער פּראָגרעס פון אינדוסטריע, אַרבעט־צוטיילונג, פרייהייט פון אַרבעט — דאָס זיינען אַלץ נייע זאַכן וועלכע מוזן פון איצט אָן קריגן אונזער אויפמערקזאַמקייט, ווייל זיי וועלן פולשטענדיק טראַנספאָרמירן די עקאָנאָמישע סטרוקטור אין דער געזעלשאַפט. אין אַנקלאַנג מיט די געברויכן פון טאָג און אונטערן דרוק פון פאַקטן ווערט קאַפּיטאַל קאָנ־צענטרירט אין די הענט פון מעכטיקע פינאַנציעלע און אינדוסטריעלע געזעלשאַפטן. אויב מיר קעמפן ניט קעגן דעם וועט עס ניט באַגעגענען קיין אָפּאָזיציע און מיר וועלן אונטערוואָרפן ווערן אונטער דעספּאָטי־שער הערשאַפט... מיר, אַרבעטער פון אַלע לענדער, מוזן זיך פאַראייניקן אויפצובויען אַ וואַנט קעגן אָט־דער שווידערלעכער סיסטעם, אויב ניט וועט די מענטשהייט צוטיילט ווערן אין צוויי קלאַסן — אַ מאַסע פון אומוויסנדיקן פאָלק און אַ הייפל הויך־געשטעלטע און איבערגעפרעסענע מאַנדאַרינען“.

אין סעפּטעמבער, 1864, איז די פראַנצויזישע דעלעגאַציע געקומען קיין ענגלאַנד מיט זייער ענטפער. דעם 28טן פון דעם זעלבן חודש איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן יענע היסטאָרישע פאַרזאַמלונג אין לאָנדאָן, וועלכע האָט געלייגט דעם פונדאַמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די פאַרזאַמלונג האָט אָנגענומען די ווענדונג פון די ענגלישע אַרבעטער און דעם ענטפער פון די פראַנצויזישע אַרבעטער און האָט באַשלאָסן צו גרינדן אַן „אינטער־נאַציאָנאַלע אַרבעטער געזעלשאַפט“. אַ קאָמיטעט איז דערווײלט געוואָרן אויסצואַרבעטן אַ פּראָגראַם און סטאַטוטן פון אַ נייער אָרגאַניזאַציע.

דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון פאַרטרעטער פון די ענגלישע און פראַנצויזישע אַרבעטער און פון די דייטשע און איטאַליענישע עמי־גראַנטן, וועלכע האָבן געוואוינט אין לאָנדאָן. צווישן זיי איז דערוויילט געוואָרן קאַרל מאַרקס. דער קאָמיטעט איז געווען זייער פאַרשיידענאַרטיק אין זיין צוזאַמענשטעל און ער האָט קלאָר אָפּגעשפּיגלט די פאַרשיידענ־אַרטיקייט פון די אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען און אידעאָלאָגישע טענדענצן אין דער אַרבעטער־באַוועגונג. אין קאָמיטעט זענען געווען טרייד יוניאָ־ניסטן, אָוועניסטן, טשאַרטיסטן, פּרודאָניסטן, בלאַנקיסטן, דייטשע קאָמוניסטן, פּוילישע און איטאַליענישע נאַציאָנאַליסטישע רעוואָלוציאָנערן — מענטשן מיט די פאַרשיידענאַרטיקסטע, אָפטמאָל קעגנזעצלאָכע אידייעס אין אַלע פראַגן פון וויכטיקייט פאַר דער אַרבעטער באַוועגונג. ווען דער קאָמיטעט האָט פאַרלאַנגט פון מאַרקסן אָנצושרייבן די פּאָרגעשלאָגענע פּראָגראַם פון סטאַטוטן האָט ער פאַר זיך געהאַט אַ זייער שווערע אויפגאַבע. ער האָט געדאַרפט שרייבן די פּראָגראַם אַזוי, אַז זי זאָל זיין אָננעמבאַר פאַר אַלע טענדענצן, וועלכע זענען געווען פאַרטראָטן אין קאָמיטעט, און אין דער זעלביקער צייט ניט פאַרוואַסערן זיינע אייגענע רעוואָלוציאָנערע אידייען. ער האָט אָט־די אויפגאַבע גלענצנד דערפילט: דער „איינשווערונג־אַדרעס" געשריבן פון אים און אָנגענומען פון דעם קאָמיטעט, און די סטאַטוטן פון דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט אויך אויסגעאַרבעט, זענען געוואָרן דער אידעאָלאָגישער פונדאַמענט פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן קלאַסנקאַמף און אַ היסטאָרישער דאָקומענט פון וועלט־קאָמוניזם.

די פּראָגראַם און סטאַטוטן פון אינטערנאַציאָנאַל

דער „איינשווערונג־אַדרעס" איז אַ מאַניפעסט — אַן איינלייטונג צו דער פּראָגראַם פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. איבערבליקנדיק די לאַגע פון אַרבעטער־קלאַס קומט ער צום שלוס, אַז ניט געקוקט אַף דעם ריזיקן וואוקס פון אינדוסטריע און האַנדל איז די נויט פון די אַרבעטער ניט קלענער געוואָרן, און אַז זייער לאַגע קאָן ניט ראַדיקאַל פאַרבעסערט ווערן אַזוי לאַנג ווי דער קאַפּיטאַליזם עקזיסטירט. צוויי זיגן, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט געוואונען אין די פאַרגאַנגענע 2 יאָר, זיינען אָנגעוויזן געוואָרן: דער צען־שעה געזעץ, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין ענגלאַנד און די אַנטוויק־לונג פון די קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען אויך אַנטשטאַנען אין ענגלאַנד.

„דער צען־שעה אַקט איז ניט געווען בלויז אַ גרויסער פּראַקטישער זיג. דאָס איז אויך געווען אַ טריאומף פון אַ פּרינציפּ. צום ערשטן מאָל איז, אין דער פולער ליכט פון טאָג, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע פון דער בורזשואַזיע אונטערגעוואָרפן געוואָרן אונטער דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע פון דעם אַרבעטער־קלאַס".

די קאָאָפּעראַטיוון האָבן מיט זיך פֿאַרגעשטעלט אַן ענלעכן זיג פֿון פּרינציפּ. זיי האָבן צום ערשטן מאָל דעמאָנסטרירט אין טאַטן אַנשטאָט אין ארגומענטן די מעגליכקייט פֿון גרויסע אונטערנעמונגען אָרגאַניזירט און פֿאַרוואַלטעט אָן דער בורזשואַזיע. אָבער אין זיך אַליין קאָנען די קאָאָפּעראַטיוון קיינמאָל ניט, אונטער די באַדינגונגען פֿון אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט, אָפּשטעלן די אַנטוויקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם אָדער באַפֿרייען דעם ארבעטער־קלאַס; מען טאָר זיי דעריבער ניט צוגעבן צופֿיל װיכטיקייט.

די באַפֿרייאונג פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט פֿאָדערט די פֿאַרכאַפּונג פֿון פּאָליטישער מאַכט. אין דעם געגעבענעם פּעריאָד איז דאָס געווען די וויכטיקסטע אויפֿגאַבע פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט. די לאַנד־אייגנטימער און קאַפּיטאַליסטן וועלן שטענדיק זוכן איינצוהאַלטן זייערע פּאָליטישע פּריווילעגיעס, כדי צו פֿאַרשטאַרקן זייער עקאָנאָמישע הערשאַפֿט. די ארבעטער האָבן בלויז איין ווירקלעכן אויסקוק אויף דערפֿאָלג קעגן זיי דורך זייער צאָל. „אָבער די מאַסן װענדן אָן זייער גאַנצע מאַכט בלויז װען זיי זיינען אָרגאַניזירט און וועגן וויסן פּירט זיי אָן".

דער ארבעטער־קאַמף פֿאָדערט די אינטערנאַציאָנאַלע פֿאַראייניקונג פֿון אַלע זייערע כּוחות: דאָס איז געווען די אויפֿגאַבע פֿון דער „אינטערנאַציאָנאַלער ארבעטער־געזעלשאַפֿט". די פּאָליטיק פֿון די בורזשואַזע מלוכות, געבויט אויף דער אונטערדריקונג פֿון די ארבעטער, פֿירט צו קרימינעלע מלחמות פֿאַר פּלינדער און צוטיילט די רייען פֿון די ארבעטער. דער פּראָלעטאַריאַט מוז דעריבער ענערגיש קעמפֿן קעגן אָט־דער פּאָליטיק פֿון גוואַלט און אונטערדריקונג.

די סטאַטוטן פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַל דערקלערן, אַז:

„די באַפֿרייאונג פֿון דעם ארבעטער־קלאַס מוז דערגרייכט ווערן פֿון די ארבעטער־קלאַסן אַליין... באַטראַכטנדיק:

„אַז די עקאָנאָמישע אונטערוואַרפֿונג פֿון דעם מענטש פֿון ארבעט אונטער דעם, וואָס מאָנאָפּאָליזירט די מיטלען פֿון ארבעט, דאָס הייסט, די קוואַלן פֿון לעבן, איז דער באַזיס פֿון קנעכטשאַפֿט אין אַלע אירע פֿאָרמען, פֿון יעדער סאָציאַלער נויט, גייסטיקער דעגראַדאַציע און פּאָליטישער אונטערטעניקייט;

„אַז די עקאָנאָמישע באַפֿרייאונג פֿון די ארבעטער־קלאַסן איז דעריבער דער גרויסער ענדציל, צו וועלכן יעדע פּאָליטישע באַוועגונג דאַרף אונטערגעאָרדנט ווערן אַלס אַ מיטל;

„אַז אַלע פֿאַרזוכן צו דערגרייכן אָט־דעם גרויסן ענדציל זיינען ביז איצט דורכגעפֿאַלן צוליב דעם מאַנגל אין סאָלידאַריטעט צווישן די פֿיל־

פאַכיקע טיילן פון דעם ארבעטער־קלאַס אין יעדן לאַנד, און צוליב דעם וואָס עס פעלט א ברידערלעכער אייניקייט־בונד צווישן די ארבעטער־קלאַסן פון די פאַרשיידענע לענדער:

„אַז די באַפרייאונג פון די ארבעטער איז ניט קיין לאָקאַלע אָדער נאַציאָנאַלע, נאָר א סאָציאַלע פּראָבלעם, וואָס נעמט ארום אַלע לענדער, אין וועלכע די מאָדערנע געזעלשאַפט עקזיסטירט און וואָס איר לייזונג הענגט אָפּ פון דער צוזאַמענאַרבעט, פּראַקטיש און טעאָרעטיש, פון די פאַרגעשריטנסטע לענדער".

צוליב אָט־די אורזאַכן איז דער אינטערנאַציאָנאַל געגרינדעט געוואָרן. דער אינטערנאַציאָנאַל איז אָרגאַניזירט געוואָרן אויף דעם פאָלגנדיקן אופן:

אין יעדן לאַנד האָבן זיך די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל פאַראייניקט אין אַ סעקציע פונם אינטערנאַציאָנאַל, אָנגעפירט פון דעם נאַציאָנאַלן פעדעראַטיוון ראַט. אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסן האָבן נעדאַרפט צוזאַמענגערופן ווערן פעריאָדיש צו דיסקוסירן די וויכטיקסטע פראַגן פון דער ארבעטער־באַוועגונג און צו דערוויילן דעם הויפּט־קאָמיטעט פאַרן גאַנצן אינטערנאַציאָנאַל — דעם גענעראַל־ראַט. כאָטש דער גענעראַל־ראַט האָט געקראָגן גרויס מאַכט האָט ער אָבער ניט געקאָנט ווירקלעך ווערן דער אַנטשיידנדיקער צענטער פון דעם אָרגאַניזאַציאָנעלן שטאַנדפּונקט, און זיינע פונקציעס זיינען דעריבער געווען צו געבן אידעאָלאָגישע פירערשאַפט דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. די פונדאַמענטאַלע אָרגאַניזאַציאָנעלע פּרינציפּן פון דעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען פאַרגעסן געוואָרן פון דעם צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטישע ביוראָ, געגרינדעט פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט זייער ווייניק מאַכט און האָט זיך באַגרעניצט כמעט אינגאַנצן צו פאַרשפּרייטן אינפאָרמאַציע און סטאַטיסטיק. דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל האָט ווידער אָנגענומען די טעאָריעס פון דעם ערשטען און האָט אַנטוויקלט זיינע פּרינציפּן פון אָרגאַניזאַציע. אויף דעם באַזיס האָט ער געשאַפן אַ פאַראייניקטע און צענטראַליזירטע קאָמוניסטישע וועלט־פּאַרטיי.

3. דער ערשטער פּעריאָד אין דער געשיכטע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. דער קאַמף קעגן פּרודאָניזם.

דער ערשטער קאָנגרעס פונם אינטערנאַציאָנאַל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין סעפּטעמבער, 1866, אין זשענעווע. די מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון פּרודאָניסטן פון פראַנקרייך און שווייצאַריע. אין דער אָפּאָזיציע זיינען געווען די ענגלישע דעלעגאַטן, וועלכע זיינען געקומען צוגעגרייט מיט מאַטעריאַלן, וואָס מאַרקס האָט זיי געגעבן.

אין דער דיסקוסיע וועגן די סטאַטוטן האָבן די פּרודאָניסטן געפּאָ־לערט, אַז בלויז די וואָס טוען פיזישע אַרבעט זאָלן אַריינגענומען ווערן אין אינטערנאַציאָנאַל. אין דער זעלביקער פראַגע האָט זיך אויפגעהויבן אַ דיסקוסיע וועגן קעגנזייטיקער אינטערנאַציאָנאַלער הילף און וועגן דעם קאַמף צווישן קאַפּיטאַל און אַרבעט — די פּרודאָניסטן האָבן זיך דער־קלערט קעגן סטרייקס און זיי האָבן רעקאָמענדירט צו גרינדן קעגנזייטיקע הילף־פאַראיינען. אין דער פראַגע פון פרויען־אַרבעט איז זייער שטעלונג געווען באַזונדער רעאַקציאָנער. זיי זיינען געווען קעגן דער באַטייליקונג פון פרויען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין פּראָדוקציע. זיי האָבן אפילו אָפּעלירט פאַר „דער הייליקייט פון דער פרוי אין איר היים" און האָבן גע־פּרוּווט אַריינשפּאַרן זייערע פיליסטערישע (באַלעבעסלדיקע) אידייען אין דער פּראָגראַם פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט. די מערסטע פּרודאָניסטישע פאָרשלאָגן זיינען צוריקגעוויזן געוואָרן פונם קאָנגרעס.

די טעזיסן געשריבן פון מאַרקסן וועגן טרייד יוניאָנס זיינען אָנגענומען געוואָרן איינשטימיק פונם קאָנגרעס. זיי האָבן באַהאַנדלט די טרייד יוניאָנס ווי לעבנס־נויטיקע צענטערן פון אַרבעטער־קלאַס אָרגאַניזאַציע, וועלכע דער פּראָלעטאַריאַט קען נוצן ניט נאָר אין טעגלעכע עקאָנאָמישע קאַמפן, נאָר אויך ווי אַ מיטל צו דעם וויכטיקערן ציל — אָפּצושאַפן אינ־גאַנצן די סיסטעם פון לוין־אַרבעט. די רעזאָלוציע וועגן טרייד יוניאָנס איז נאָך היינט אַ מוסטער פאַר אַן אמת־רעוואָלוציאָנערער אויפפאַסונג פון דער ראָל און די אויפגאַבן פון טרייד יוניאָנס.

דער קאָנגרעס האָט דערקלערט זיין קעגנערשאַפט צו די אימפּעריאַליס־טישע צילן פון רוסלאַנד און איז אַרויסגעקומען פאַר דעם אומקער פון דער זעלבסטשטענדיקייט פון פּוילן, וועלכע זאָל ווידער אויפגעשטעלט ווערן אַף סאָציאַל־דעמאָקראַטישע פּרינציפּן. ער האָט אָוועקגעשטעלט דעם פּרינציפּ, אַז דער אַרבעטער־קלאַס דאַרף זוכן געזעצגעבונג אין די אינטערעסן פון די אַרבעטער — די געזעצלעכע באַגרעניצונג פון דעם אַרבעט־טאָג צו אַכט שעה, ספּעציעלע שוץ פאַר פרויען־און קינדער־אַרבעטער, א. א. וו.

דער זשענעווער קאָנגרעס האָט אַרויסגערופן אַן אָפּקלאַנג אין יעדן לאַנד. די רעזאָלוציע פון דער שעפילדער קאָנפערענץ פון ענגלישע טרייד יוניאָניסטן (אין יאָר 1866) קען דינען ווי אַ ביישפּיל פון דער שטעלונג פון פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס צום אינטערנאַציאָנאַל. די רעזאָלוציע האָט אויסגעדריקט „אומבאַדינגטע אָפּשאַצונג פון די באַמיאונגען פונם אינטערנאַציאָנאַל צו פאַראייניקן די אַרבעטער פון אַלע לענדער דורך גע־מיינשאַפטלעכע בענדער פון ברודערשאַפט", און האָט אַפּעלירט צו אַלע טרייד יוניאָן אָרגאַניזאַציעס זיך אָנצושליסן אָן דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אַ צאָל ענגלישע טרייד יוניאָניסטן האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דעם

אינטערנאַציאָנאַל. סעקציעס זיינען אויך געשאַפֿן געוואָרן אין פראַנקרייך און דער אינטערנאַציאָנאַל איז געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער אין שווייצאַריע, איטאַליע, דייטשלאַנד און בעלגיע. ס'איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז אין דעם ערשטן פּעריאָד איז דער אינטערנאַציאָנאַל גאַנץ נישקשה באַהאַנדלט געוואָרן אין דער בורזשואַזער פּרעסע. אָבער ווען די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין סטרייקס און די באַשלוסן פון זיינע קאָנגרעסן האָבן געעפנט די אויגן פון דער בורזשואַזיע איז דער אינטערנאַציאָנאַל פּלוצלונג געוואָרן אַ „באַנדע אונטערצינדער“, „מענטשן פאַר וועמען קיין זאַך איז ניט הייליק“, וועלכע „זוכן אַנאַרכיע און די פאַרניכטונג פון ציוויליזאַציע“, א. א. וו.

דער צווייטער קאָנגרעס פונם אינטערנאַציאָנאַל איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָזאַן אין סעפּטעמבער, 1867. דער קאָנגרעס האָט אָנגענומען אַ פּרודאָניסטישע רעזאָלוציע אין דער פראַגע פון קרעדיט און פאָלקס־בענק, און „האָט רעקאָמענדירט די טרייד יוניאָנס צו שאַפֿן אַ „נאַציאָנאַלע קרעדיט סיסטעם“.

אין דער דיסקוסיע וועגן דער ראָל פון דעם שטאַט איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אַ רעזאָלוציע, אַז לאַנד זאָל ווערן געמיינשאַפטלעך אייגנטום. די פראַנצויזישע דעלעגאַטן זיינען געווען לייִדנשאַפטלעך קעגן אָט דעם פאָרשלאָג און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן צו שטעלן די פראַגע אַפֿן טאָג־אָרדנונג פונם קומענדיקן קאָנגרעס. פונקט ווי דער ערשטער קאָנגרעס אַזוי האָט אויך דער לאָזאַנער קאָנגרעס אויסגעדריקט אַ פּראָטעסט קעגן די מלחמות, וואָס ווערן צוגעגרייט דורך דער פּאָליטיק פון בורזשואַזע רעגירונגען. דער קאָנגרעס האָט דערקלערט, אַז די סאָציאַלע באַפרייאונג פון די אַרבעטער איז אומאויפלייזבאַר פאַרבונדן מיט זייער פּאָליטישן קאַמף און אַז פאָלגלעך איז זייער ערשטע און דרינגלעכסטע אויפגאַבע צו געווינען פּאָליטישע מאַכט. דער קאָנגרעס האָט געלייגט אַזוי פיל געוויכט אַף אָט־דער דעקלאַראַציע, אַז ס'איז באַשלאָסן געוואָרן זי איבערצו'חזר'ן יעדן יאָר.

נאָך דעם לאָזאַנער קאָנגרעס איז דער איינפלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל צווישן די אַרבעטער כסדר געוואַקסן. די ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט אין עטלעכע סטרייקס איז געווען פון גרויס וויכטיקייט. דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשטיצט די סטרייקערס, אָרגאַניזירט זאַמלונגען פאַר זיי אין אַנדערע לענדער און האָט געשטערט די קאַפּיטאַליסטישע פּאַרזוכן צו ברענגען אויסלענדישע אַרבעטער אַלס סטרייק־ברעכער.

אין פראַנקרייך האָט דער זיגרייכער סטרייק פון די פּאַריזער בראָנז־אַרבעטער, וועלכער איז אַקטיוו געשטיצט געוואָרן פונם אינטערנאַציאָנאַל, אַרויסגערופן אַלגעמיינע סימפּאַטיע פאַרן אינטערנאַציאָנאַל צווישן די אַרבעטער. ווען נאַפּאָלעאָן דעם דריטנס פּאָליציי האָט נאָך יענעם קאַמף

אויפגעלייזט די פּאַריזער סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל (אין יאָר 1868) איז נאָך די אויטאָריטעט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל געוואָרן אַ סך גרעסער אין די אויגן פון די אַרבעטער.

אין בעלגיע און שווייצאַריע האָבן די סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל געמאַכט גרויס פאָרשריט, און סעקציעס זיינען אויך געגריינדעט געוואָרן אין איטאַליע. ענדלעך איז דער איינפלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אַריינגעדרונגען קיין דייטשלאַנד און עסטרייך. דער גרויסער מאָראַלישער איינפלוס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט איבער די אַרבעטער אומעטום, קען מען זען פון אַ בריוו פון דער גענעראַל־ראַט צו די ענגלישע טרייד יוניאָנס.

„ווען ביסמארק האָט פאָרגעשלאָגן אַ טאַריף־רעפאָרם אין דייטשלאַנד האָט דער בארמען־עלבערפעלדער האנדלס־קאמער אויסגעזעצט קעגן דעם אפן גרונט, וואָס די פּרייסישע פאבריקאנטן קאנען ניט קאָנקורירן מיט די ענגלישע, סיידן זיי זאָלן רעדוצירן שכירות, אָבער דאָס איז אוממעגלעך צוליב דעם שנעלן וואוקס און דעם גרויסן איינפלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל“.

אַזוי איז דער אינטערנאַציאָנאַל אין די ערשטע עטלעכע יאָר פון זיין עקזיסטענץ געוואָרן די איינפלוסרייכסטע אָרגאַניזאַציע — געוואונען די וואַרימסטע סימפּאַטיע פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן און אָנגעוואָרפן שרעק אויף דער בורזשואַזיע.

דער דריטער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין בריסעל אין סעפּטעמבער, 1868. צווישן די 96 דעלעגאַטן, וואָס האָבן זיך אין אים באַטייליקט זיינען געווען 55 פון בעלגיע, 18 פון פראַנקרייך, עלף פון ענגלאַנד, עטלעכע פון שווייצאַריע און דייטשלאַנד און איין איטאַליענער. דער ערשטער פּונקט אויפן טאָג־אָרדנונג איז געווען די מלחמה־געפאַר. די גרויסע אויפמערקזאַמקייט, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַל האָט געשאָנקען דער פראַגע איז געווען צוליב דער געפערלעכער אינטערנאַציאָנאַלער סיטואַציע אין יענער צייט. די מלחמה צווישן עסטרייך און פּרייסן האָט זיך נאָר וואָס געענדיקט (אין יאָר 1866) און ס'האָט געהאַלטן ביי אַ פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה. די לאַגע איז געווען אומזיכער און דער אויסברוך פון מלחמה האָט געקאָנט דערוואַרט ווערן יעדן טאָג. דער קאָנגרעס האָט אַרויסגעלאָזן אַ פּלאַמיקן פּראָטעסט קעגן מלחמה און ער האָט גערופן די אַרבעטער אַרויסצוגיין אין סטרייק ווען זי וועט אויסברעכן.

דער קאָנגרעס האָט אָנערקענט סטרייקס אַלס אַ פונדאַמענטאַלער וואָפן אין דעם קלאַסנקאַמף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, און די פּרודאָניסטן האָבן איצט איינגעשטימט אויף דעם פּונקט.

די פראגע פון אייגנטום האט ארויסגערופן שארפע דעבאטעס. א קאלעקטיוויסטישע רעזאלוציע איז אריינגעטראגן געווארן, קעגן וועלכע די פרודאניסטישע דעלעגאטן האבן געקעמפט. ענדלעך איז מיט דרייסיק שטימען קעגן פיר און פופציק צוריקגעהאלטענע אנגענומען געווארן א רע־זאלוציע, וואס דערקלערט אז:

„די עקאנאמישע אנטוויקלונג פון דער מאדערנער געזעלשאפט מאכט די פארוואנדלונג פון לאנד אין סאציאלן אייגנטום פאר א סאציאלער נויט־ווענדיקייט, און אז די מלוכה זאל פארדינגען דאס לאנד צו אגריקול־טורעלע געמיינדעס אף די זעלביקע באדינגונגען ווי שאכטן און אייזנ־באנען", אז —

„מיטלען פון פארקער און טראנספארט מוזן ווערן דאס קאלעקטיווע אייגנטום פון דער געזעלשאפט", און אז —

„מינעראל־גרובנס, קוילן־שאכטן, און אנדערע שאכטן, ווי אויך אייזנבאנען, וועלן אין א ראציאנעלער געזעלשאפט באלאנגען צו דער גע־זעלשאפט קאלעקטיוו, ווי פארטראטן דורך דער מלוכה".

אט־די רעזאלוציע האט געמיינט, אז דער אינטערנאציאנאל האט זיך אפן דערקלערט איינשטימיק מיט קאמוניסטישע פרינציפן.

אויפן פארשלאג פון די דייטשע דעלעגאטן האט דער קאנגרעס בא־גריסט מארקסן, וועלכער האט נאר וואס ארויסגעגעבן דעם ערשטן באנד פון „קאפיטאל", און דערקלערט, אז:

„קארל מארקס האט אויפגעטאן אן אומשאצבארע דינסט דערמיט וואס ער איז דער ערשטער עקאנאמיסט, וואס האט געשטעלט קאפיטאל אונטער וויסנשאפטלעכן אנאליז".

כאטש דער בריסעלער קאנגרעס האט אנגעצייכנט דאס פאלן פון פרודאניזם, איז ניט געווען קיין אידעאלאגישע אייניקייט אין די רייען פון דעם אינטערנאציאנאל, ווייל פרודאנס פלאץ איז איבערגענומען געווארן פון באקונינען, קעגן וועמעס אידייען א נאך מער ענערגישער און ביטערער קאמף האט געמוזט געפירט ווערן.

4. דער צווייטער פעריאד אין דער געשיכטע פון אינטערנאציאנאל: דער קאמף קעגן באקונינ‍יזם.

מיכאאיל באקונין (געבוירן אין יאר 1814; געשטארבן אין יאר 1876), א רוסישער רעוואלוציאנער און עמיגראנט, און דער גרעסטער פירער און טעאריטיקער פון די אנארכיסטן, איז זיך שארף פאנאנדער־געגאנגען מיט מארקסן אין אלע וויכטיקע פראגן פון דער ארבעטער־בא־

װענונג. לױט זײן מײנונג איז די װיכטיקסטע אױפֿגאַבע פֿון דער סאָציאַלער רעװאָלוציע געװען צו פֿאַרניכטן דעם שטאַט, אין װעלכן ער האָט געזען די אורזאַך פֿון אַלע סאָציאַלע צרות און דעם קװאַל פֿון עקאָנאָמישער אומ־גלײכקײט. מיט דער אָפּשאַפֿונג פֿונם שטאַט װאָלט דער קאַפּיטאַליזם אױטאָמאַטיש זיך פֿאַנאַנדערגעפֿאַלן און אױף זײנע חורבות װאָלט אױפֿ־געװאַקסן די נײע שטאַטלאָזע געזעלשאַפֿטלעכע אָרדנונג.

פֿאַלגלעך האָט באַקונין געקוקט אױף דער באַטײליקונג אין דעם טאָג־טעגלעכן פּאָליטישן קאַמף, װי אױף רײנעם אָפּאָרטוניזם. אַ רעװאָלוציאָנער דאַרף בלױז פֿירן פּראָפּאַגאַנדע, אױפֿקלערן די מאַסן װעגן די צילן פֿון דער סאָציאַלער רעװאָלוציע, און דאַרף צוגרײטן צו אַן אױפֿשטאַנד.

באַקונין האָט געפּרײדיקט קאָלעקטיװע אײגנטום פֿון לאַנד, שאַכטן און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. זײן סאָציאַלער אידעאַל איז געװען אַ בונד פֿון אױטאָנאָמע אַגריקולטורעלע און אינדוסטריעלע געזעלשאַפֿטן, אָן אױבערהערשער. אָבער ער איז אין דער אמתן געװען ניט זײער שטאַרק באַקאַנט מיט עקאָנאָמישע פּראָבלעמען און פֿאַלגלעך זײנען זײנע קאָ־לעקטיװיסטישע אידײען געװען פֿאַרמישט מיט קלײנבירגערלעכע אוטאָפּישע פֿאָדערונגען פֿאַר דער „פּאָליטישער, עקאָנאָמישער און סאָציאַלער גלײכ־קײט פֿון אַלע קלאַסן", װאָס האָט געזאָלט געבראַכט װערן דורך דער אָפּ־שאַפֿונג פֿון ירושה — אַן אידײע, װאָס באַקונין האָט גענומען בײ סען־סימאָנען.

באַקונינס פֿאַרשטעלונג װעגן די טרײב־כוחות פֿון דער סאָציאַלער רע־װאָלוציע איז געװען אַ מאָדנע. ער האָט קײן באַגריף ניט געהאַט װעגן דער פֿירנדיקער ראָל פֿון דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער רעװאָלוציע, און ער האָט געהאַלטן, אַז מאַרקס האָט אַ סך איבערגעטריבן די װיכטיקײט פֿון אַרבעטער־קלאַס. די רעװאָלוציע האָט איר הױפּט שטאַרקײט אין יענע טײלן פֿון דער באַפֿעלקערונג, װעמעס לײדן זײנען ספּעציעל גרױס און װעמען די מאָדערנע געזעלשאַפֿט טרײבט צו פֿאַרצװײפֿלונג — די פֿאַופּערי־זירטע, רואינירטע פּױערים, דער לומפּן־פּראָלעטאַריאַט און די יונגע אינ־טעליגענץ, װעלכע װערן באַזונדער באַװירקט פֿון רעװאָלוציאָנערע אידײען.

באַקונינס אידײען זײנען ניט געװען די אידײען פֿון דעם אינדוס־טריעלן פּראָלעטאַריאַט.

„דער פּױער רואינירט דורך דער אנטװיקלונג פֿון קאַפּיטאַליזם, דער בעל־מלאכה ארױסגעשטױסן דורך דער זעלבער אנטװיקלונג, דער קלײנער געשעפֿטמאַן... שטענדיק אונטערדריקט פֿון קאַפּיטאַליזם און לײדט אָפֿט פֿון אַ שאַרפֿער און שנעלער ירידה אין זײן לעבנס־סטאַנ־דאַרד, פֿאַלט לײכט אונטערן אײנפֿלוס פֿון עקסטרעמע רעװאָלוציאָנערע

אידייען, אָבער איז אומפּויאיק צו זיין אויסגעהאלטן, עס פעלט אים די פויאיקייט פאר אָרגאניזאציע, דיסציפּלין און עקשנותדיקייט". — (לעניןְ).

דער קליינבירגער, וועמען די שרעקן פון קאַפּיטאַליזם מאַכן ווילד, און די אַרבעטער, וועלכע זיינען ארויסגעשטויסן געוואָרן פון די רייען פון קליינבירגערטום און צום ערשטן מאָל אריינגעוואָרפן געוואָרן אין דעם שמעלץ טאָפּ פון דער פאבריק — דאָס זיינען געווען די סאָציאַלע קלאַסן, וועמעס געפילן עס זיינען אויסגעדריקט געוואָרן פון באַקונינען. דעריבער איז זיין איינפלוס געווען ספּעציעל שטאַרק אין אַזעלכע לענדער ווי איטאַליע, שווייצאַריע, שפּאַניע און בעלגיע, וועלכע זיינען נאָך אין יענער צייט געווען אין די ערשטע סטאַדיעס פון קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג.

אין די זעכציקער יאָרן האָט באַקונין געהאָלפן אין דער אַרבעט פון דער „ליג פון פרידן און פרייהייט", אַ בורזשואַז־פּאַציפיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע ער האָט פאַרלאָזן ערשט אין יאָר 1868. ער האָט געגרינדעט דעם „אינטערנאַציאָנאַלן אַליאַנץ פון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע", וועמעס פּראָגראַם עס האָט אַנטהאַלטן אַלע זיינע הויפּט אידייען. אין אַ בריוו צו מאַרקסן האָט באַקונין אין יענער צייט געשריבן:

„איך טו איצט וואָס דו האָסט אָנגעהויבן צו טאָן מיט צוואַנציק יאָר צוריק. איצט, אַז איך האָב זיך ענדלעך געשיידט מיט דער בור־זשואַזיע פון דעם בערלינער „קאָנגרעס פאר פרידן און פרייהייט", האָב איך מער גאָרניט צו טאָן מיט דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, נאָר בלויז מיט דער וועלט פון אַרבעטער. מיין פאָטערלאַנד איז איצט — דער אינטערנאַציאָנאַל; דו ביסט אָבער איינער פון זיינע הויפּט גרינדער. דו זעסט, טייערער פריינט, אַז איך בין דיין תלמיד, און איך בין שטאָלץ דערמיט".

דער אַליאַנץ האָט געפאָדערט אריינגענומען צו ווערן אין אינטער־נאַציאָנאַל ווי אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע. דער גענעראַל־ראַט פון דעם אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געוואָלט צושטימען צו דערלויבן די עקזיסטענץ אין דעם אינטערנאַציאָנאַל פון אַ באַזונדערער געזעלשאַפט פון אַן אינטער־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, מיט אַן אייגענער באַזונדערער פּראָגראַם און סטאַטוטן. דער אַליאַנץ האָט זיך דאַן (פאָרמעל) אויפגעלייזט און זיינע טיילן זיינען אריינגענומען געוואָרן אין אינטערנאַציאָנאַל. אין געהיים איז אָבער דער אַליאַנץ געבליבן עקזיסטירן אַלס דער אָרגאַניזאַציאָנעלער און אידעאָלאָגישער צענטער, וואָס האָט געזאָלט איבערגעווינען דעם אינטער־נאַציאָנאַל פאַרן באַקוניניזם.

דער פערטער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין באַזעל אין יאָר 1869, איז פאָרגעקומען דאַן ווען דער אינטערנאַציאָנאַל האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט אין זיין אַנטוויקלונג. זיין איינפלוס אין ענגלאַנד, בעלגיע, פראַנקרייך און דייטשלאַנד איז נאָך אַלץ געוואַקסן און צום ערשטן מאָל זיינען פאָרגעקומען פון שפּאַניע און צפון־אַמעריקע געקומען צום קאָנגרעס.

איינגזעענדיק אָט־דעם וואוקס האָט דער קאָנגרעס פאַרגרעסערט די מאַכט פון דעם גענעראַל־ראַט און אים געגעבן דאָס רעכט אויסצושליסן סעקציעס, וואָס נויגן אָפּ פון דער ליניע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

דער ערשטער צוזאַמענשטויס מיט באַקונינען איז פאָרגעקומען ווען ער האָט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג אָפּצושאַפן דאָס רעכט פון ירושה, וואָס „מאַכט אוממעגלעך פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גערעכטיקייט און שטערט אין דער איינפירונג פון סאָציאַלער גלייכהייט“.

די מיטגלידער פון גענעראַל־ראַט, וואָס האָבן גערעדט קעגן באַקונינען האָבן אָנגעוויזן, אַז ירושה איז ניט די אורזאַך, נאָר דער רעזולטאַט פון דער עקזיסטירנדיקער עקאָנאָמישער אָרדנונג און אַז אָנצוהייבן די סאָציאַלע רעוואָלוציע מיט דער אָפּשאַפונג פונם רעכט אויף ירושה מיינט שטעלן דעם וואָגן פאַרן פערד.

דער קאַמף צווישן די באַקוניניסטן און די אָנהענגער פון דעם גענעראַל־ראַט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויפן קאָנגרעס האָט זיך דערנאָך פאַרשפּרייט צווישן די סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל. ספּעציעל שאַרף האָט זיך דער קאַמף אַנטוויקלט אין שווייצאַריע, וואו ס'איז געקומען צו אַ שפּאַלטונג צווישן די צוויי גרופּן אין אַפּריל, 1870.

5. דער פראַנצויזיש־דייטשער קריג און דער אינטערנאַציאָנאַל.

אין דער זעלביקער צייט האָבן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענאַ פּאַסירט זאַכן, וועלכע ס'איז געווען באַשערט צו האָבן אַן אַנטשיידנדיקן איינפלוס אויפן גורל פון דעם אינטערנאַציאָנאַל.

אין יולי, 1870, איז אויסגעבראָכן מלחמה צווישן פראַנקרייך און פּרייסן. דער קאָנגרעס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט דאַן געזאָלט פאָרקומען אין דייטשלאַנד האָט צוליב דעם ניט געקענט אָפּגעהאַלטן ווערן. די פראַנצויזישע און דייטשע אַרבעטער, וועלכע זיינען געווען מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן ענערגיש פּראָטעסטירט קעגן דער מלחמה. דער גענעראַל־ראַט האָט אַרויסגעלאָזן אַ רוף, געשריבן פון מאַרקסן, (דאַטירט דעם 23טן יולי, 1870) צו אַלע סעקציעס. דער רוף האָט אַרויסגעלייגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער מלחמה אויף דער פּאָליטיק פון די הערשנדיקע קלאַסן פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער פראַנקרייך און פון דער יונקערשער פּרייסן.

> „אין דער צייט ווען די אָפיציעלע פראנקרייך און די אָפיציעלע דייטשלאנד האָבן זיך ארייגעוואָרפן אין ברידער־מאָרד־קריג שיקן זיך די ארבעטער פון ביידע לענדער איינע די אנדערע גרוסן פון פרידן און פריינטשאפט“.

אין אַ צווייטן רוף, אויך געשריבן פון מאַרקסן, ארויסגעלאָזט דעם 9טן סעפּטעמבער, 1870, נאָכדעם ווי די אַנטשיידנדיקע מפּלות פון די פראַנצויזישע אַרמייען האָבן געבראַכט צום צוזאַמענברוך פון דער אימפּעריע און צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער רעפּובליק פון פראַנקרייך, האָט דער גענעראַל־ראַט פּראָטעסטירט קעגן די אַנעקסיע־פּלענער פון דער דייטשער בורזשואַזיע, דער רוף ווייזט אָן, אַז אויב אָט־די פּלענער וועלן דורכגעפירט ווערן וועט פראַנקרייך געטריבן ווערן אין די אָרימס פון רוסלאַנד און ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ קוואַל פון ווייטערדיקע און נאָך מער מערדערלעכע מלחמות.

פון זייער זייט האָבן די דייטשע אינטערנאַציאָנאַליסטן געקעמפט מוטיק קעגן דער מלחמה און קעגן דער אַנעקסיע פון עלזאַס־לאָטערינגען. בעבעל און ליבקנעכט — וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטימען פאַרן מלחמה־בודזשעט — זיינען אַנגעקלאָגט געוואָרן אין הויך־פאַררעט און זיינען פאַר׳משפּט געוואָרן צו טערמינען פון צוויי יאָר תפיסה. די סעקציעס פון אינטערנאַציאָנאַל אין שווייצאַריע, בעלגיע און עסטרייך האָבן אויך שטאַרק פּראָטעסטירט קעגן די דייטשע פּלענער פון אַנעקסיע. אין זייער שטעלונג צו דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה האָט דער אינטערנאַציאָנאַל און זיינע סעקציעס געוויזן אַ ביישפּיל פון אַן אמתער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק, אין וועלכער ס׳איז ניט געווען קיין שפּור פון נאַציאָנאַליזם.

ווען דער אויפשטאַנד פון דעם 18טן מערץ, 1871, האָט געבראַכט אין לעבן די פּאַריזער קאָמונע האָט דער אינטערנאַציאָנאַל מיטן גאַנצן הארצן זיך דערקלערט פאַר דער פאַרטיידיקונג פון דער קאָמונע און פּראָקלאַמירט אָט־די אויפגאַבע אַלס די זאַך פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. דער גענעראַל־ראַט האָט אויסגעשלאָסן טאָלענען פון אינטערנאַציאָנאַל, דערפאַר וואָס ער איז איבערגעגאַנגען אַף דער זייט פון ווערסאַל, און דערקלערט, אַז דער פּלאַץ פון פראַנצויזישע מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל קען ניט זיין ערגעץ אַנדערש, נאָר אין די רייען פון די קאָמונאַרן.

איידער מיר גייען איבער צו דער קאָמונע, די גרעסטע געשעעניש אין דער מאָדערנער אַרבעטער־קלאַס באַוועגונג ביז 1917, וועלן מיר פאַרענדיקן די געשיכטע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

6. דער סוף פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל

די מפּלה פון דער קאָמונע אין מאַי, 1871, האָט טיף אויפגעטרייסלט

די גאַנצע ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אינטערנאַציאָנאַל. די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג, ברוטאַל אַטאַקירט און פאַרפאָלגט פון דער בורזשואַזיע, איז געבליבן יאָרנלאַנג פאַרקריפּלט. אויך די דייטשע באַוועגונג איז אריין אין אַ פּעריאָד פון רעגירונגס־פאַרפאָלגונגען, ווייל די רעגירונג האָט זיך נוקם געווען אָן די אַרבעטער־פירער פאַר זייער מוטיקער שטעלונג אין דער צייט פון דער מלחמה און פאַר זייער סאָלידאַריטעט מיט דער קאָמונע. אין דעם אינטערנאַציאָנאַל זיינען דעריבער סיי פראַנקרייך, סיי דייטשלאַנד, געפאַלן אין וויכטיקייט.

אויך אין ענגלאַנד איז דער איינפלוס פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אַף די טריידס יוניאָנס שטאַרק געפאַלן נאָכדעם ווי די טרייד יוניאָן פירער האָבן (אין יאָר 1871) אַרויסגעריסן עטלעכע פּאָליטישע הנחות פון דער בורזשואַזיע (די אָפּשאַפונג פון אַ צאָל פון לעגאַלע באַגרעניצונגען פון די טעטיקייטן פון די טרייד יוניאָנס). די ענגלישע טרייד יוניאָנס זיינען מער און מער אַרונטער אונטערן איינפלוס פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע איינקע טרייד יוניאָנס האָבן זיך אָפּגעריסן פון אינטערנאַציאָנאַל דערפאַר וואָס ער האָט געשטיצט די קאָמונע.

דער עקאָנאָמישער פאָרשריט, וואָס ענגלאַנד האָט געמאַכט אין די זיבעציקער יאָרן און די גלענצנהייט, וואָס דאָס האָט געגעבן דער בורזשואַזיע צו נוצן אַ טייל פון זייערע ריזיקע פּראָפיטן צו קאָרופּטירן די אויבערשטע שיכטן פונם אַרבעטער־קלאַס, האָט ענדלעך טראַנספאָרמירט די טרייד יוניאָנס אין זיכערקייט־ זיילן פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפטלעכער אָרדנונג. אַף אַזאַ אופן זיינען זיי געוואָרן אַלץ מער אַ שטערונג אַפן וועג פון דער אַנטוויקלונג פון קלאַסן באַוואוסטזיין צווישן דעם ענגלישן פּראָלעטאַריאַט.

צו אָט־די אורזאַכן פון ירידה אין ענגלאַנד מוז נאָך צוגעגעבן ווערן דער ביטערער אינערלעכער שטרייט צווישן די מאַרקסיסטן און די באַקוניניסטן, וועלכער האָט זיך צופלאַקערט מיט דער גרעסטער קראַפט נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע.

בעת פאַר מאַרקסן איז די גרעסטע באַדייטונג פון דער קאָמונע געלעגן אין דעם וואָס זי איז געווען „אַ רעגירונג פון אַרבעטער־קלאַס ... די פּאָליטישע פאָרם, ענדלעך אַנטדעקט, אין וועלכער די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון די אַרבעטער־קלאַסן קען דערגרייכט ווערן", איז פאַר באַקונינען „די קאָמונע פון 1871 — געווען איבער אַלץ די אָפּלייקענונג פון דעם שטאַט". ער האָט געהאַלטן, אַז דער גרויסער טעות פון דער קאָמונע איז געלעגן אין איר פאַרזוך צו עטאַבלירן אַ רעוואָלוציאָנערע דיקטאַטור אין פּאַריז

אין סעפּטעמבער, 1871, האָט אַ קאָנפערענץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַל,

אפגעהאלטן אין לאנדאן, אנגענומען א רעזאלוציע, וואס ווייזט אן, אז „די ארגאניזירונג פון דעם פראלעטאריאט אין א פאליטישער פארטיי איז א הויפט־באדינג צו דערגרייכן דעם זיג פון דער סאציאלער רעוואלוציע און איר הויפט־ציל — די אפשאפונג פון קלאסן; זי דערמאנט אלע מיטגלידער פון אינטערנאציאנאל, אז אין דעם קאמף־פלאן פון דעם ארבעטער־קלאס איז די עקאנאמישע באוועגונג אומצוטיילבאר פארבונדן מיט פאליטישער טעטיקייט".

באקונינס אידייע, אז דער ארבעטער־קלאס דארף זיך ניט מישן אין פאליטישן לעבן, איז אזוי אופן אנטשיידן אפגעווארפן געווארן.

אין שווייצאריע, וואו די שפאלטונג איז פארגעקומען נאך אין אנהויב 1870, האבן די באקוניניסטישע סעקציעס געגרינדעט א פולשטענדיק באזונדערע ארגאניזאציע. אונטערן נאמען די „זשורא־פעדעראציע", האט זי אפעלירט צו די אנדערע סעקציעס פון דעם אינטערנאציאנאל און האט באשולדיקט דעם גענעראל־ראט פון דעם אינטערנאציאנאל אין דיקטאטארישע האנדלונגען און אז ער האט „אנגעפאקט" די לאנדאנער קאנפערענץ מיט אייגענע מענטשן. די מערהייט פון די סעקציעס אין איטאליע, שפאניע און בעלגיע זיינען צוגעשטאנען צו דער באקוניניסטישער קאמפאניע קעגן גענעראל־ראט.

די שפאלטונג האט אזוי־ארום זיך פארשפרייט איבערן גאנצן אינטערנאציאנאל.

דאן, אין סעפטעמבער, 1872, איז דער פינפטער קאנגרעס פון דעם אינטערנאציאנאל זיך צוזאמענגעקומען אין האאג. דער קאנגרעס האט דורכגעווארפן די פאדערונג פון די באקוניניסטישע אנהענגער צו פארוואנדלען דעם גענעראל־ראט אין א „בריוו־קאסטן" פאר די סעקציעס, וואס זאל ניט האבן קיין רעכט צו מישן זיך אין זייערע אינערלעכע ענינים. דער קאנגרעס האט אונטערגעשטראכן די נויטיקייט פון צענטראליזאציע און דיסציפלין אין דעם ארגאניזאציע פון דעם אינטערנאציאנאל און ער האט געגעבן דעם גענעראל־ראט די פולע מאכט, וואס איז נויטיק צו קאנטראלירן די סעקציעס.

א וויכטיקע רעזאלוציע האט אונטערגעשטראכן די נויטיקייט פארן פראלעטאריאט צו שאפן א זעלבסטשטענדיקע פאליטישע פארטיי, וואס אונטער איר פירערשאפט זאל דער ארבעטער־קלאס זיך באטייליקן אין פאליטישן לעבן און קעמפן צו געווינען פאליטישע מאכט.

די האנדלונגען פון די באקוניניסטן, וואס האבן געשפאלטן דעם אינטערנאציאנאל, זיינען אונטערזוכט געווארן פון א ספעציעלער קאמיסיע, וועלכע איז געקומען צום שלום, אז באקונין האט אויפגעלייזט זיין „אליאנץ" בלויז אין פארם. פאקטיש האט ער דעם אליאנץ זיינעם אנגעהאלטן אין

געהיים אַלס אַ צענטער אַף אַרויסצושיקן אינסטרוקציעס און אָנצופירן דעם גענעראַל־ראַט. דער קאָנגרעס האָט דעריבער באַשלאָסן אויסצושליסן באַקונינען פון אינטערנאַציאָנאַל. אַפן פאָרשלאַג פון מאַרקסן און ענגעלסן האָט דער קאָנגרעס איבערגעטראָגן דעם גענעראַל־ראַט פון לאָנדאָן קיין ניו יאָרק. אָט־דער באַשלוס איז געמאַכט געוואָרן אַלס אַ פאַרזוך אָוועקצונעמען דעם גענעראַל־ראַט, ניט נאָר פון דעם איינפלוס פון די באַקוניניסטן, נאָר אויך פון די ענגלישע טרייד יוניאָניסטן, וועלכע זיינען אַלץ מער און מער אַרונטערגעפאַלן אונטערן איינפלוס פון דער בורזשואַזיע. דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן מיט 26 שטימען קעגן 23, מיט ניין צוריקגעהאַלטענע. די פראַנצויזישע בלאַנקיסטן האָבן זיך דעריבער דעמאָנסטראַטיוו צוריקגעצויגן פון קאָנגרעס, דערקלערנדיק, אַז דער אינטערנאַציאָנאַל אַנטלויפט פון דער רעוואָלוציע איבערן אַטלאַנטישן אָקעאַן.

די באַשלוסן פון דעם האַאַגער קאָנגרעס האָבן מער ניט געקענט אָפּהאַלטן די צעפאַלונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. אין דעם זעלביקן יאָר האָבן די באַקוניניסטן געגרינדעט זייער אייגענעם אַנאַרכיסטישן אינטערנאַציאָנאַל, צו וועלכן עס זיינען צוגעשטאַנען די מערסטע סעקציעס פון איטאַליע, שפּאַניע, שווייצאַריע און בעלגיע, און וועלכער האָט געדויערט ביז 1877.

דער באָדן אין שוין אויך מער ניט גינסטיק געווען פאַרן אינטערנאַציאָנאַל אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד. דער זעקסטער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין יאָר 1873 אין זשענעווע, איז געווען אַ דורכפאַל. דאָס איז געווען דער לעצטער קאָנגרעס פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז דאַן אַריינגעטראָטן אין אַ פּעריאָד פון אַנטוויקלונג, אין וועלכן אַלע זיינע כוחות זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויפצושטעלן און פאַרשטאַרקן זיינע נאַציאָנאַלע פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. פאָלגלעך האָט די פילאַדעלפיער קאָנפערענץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַל אין יולי, 1876, באַשלאָסן אויפצולייזן די אָרגאַניזאַציע.

* * *

אין יאָר 1874, צען יאָר נאָך דער גרינדונג פון אינטערנאַציאָנאַל, האָט ענגעלס געשריבן צו זאָרגען:

„פון איין שטאַנדפּונקט — פון שטאַנדפּונקט פון דער צוקונפט — האָט דער אינטערנאַציאָנאַל צען יאָר צייט דאָמינירט די אייראָפּייאישע געשיכטע, און ער קען צוריקקוקן אַף זיין אַרבעט מיט שטאָלץ.

„אָבער אין זיין אַלטער פאָרם האָט ער זיך אָפּגעלעבט... איך דענק, אַז דער קומענדיקער אינטערנאַציאָנאַל — נאָכדעם ווי מאַרקס אַרבעט

וועס האָבן עטלעכע יאָר אויסצואיבן איר אייגפלוס — וועט זיין דירעקט קאָמוניסטיש און וועט פּאַרשפּרייטן אונזערע פּרינציפּן".

דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געהאַט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט פאַרשפּרייט ברייט די אידייען פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַליזם. אידעאָלאָגיש האָט ער געמאַכט אַ סוף צו אַלע סעקטאַנטישע פאַרזוכן אַרונטערצופירן דעם אַרבעטער־קלאַס פון דעם ברייטן וועג פון קלאַסנקאַמף. ער האָט געגעבן דעם אינטער־נאַציאָנאַלן פּראָלעטאַריאַט אויסגעצייכנטע ביישפּילן פון אַן אמת רעוואָ־לוציאָנערער און שטרענג פּראָלעטאַרישער, אינטערנאַציאָנאַליסטישער פּאָ־ליטיק אין אַלע וויכטיקע זייטן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ער האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער אַנטוויקלונג פון אַ פּראָלעטאַרישער מאַסן־באַוועגונג, וואָס מאַרשירט אונטער דער פאָן פון וויסנשאַפטלעכן סאָציאַ־ליזם, אָדער קאָמוניזם.

„דער ערשטער אינטערנאַציאָנאַל האָט געלייזט דעם פונדאַמענט פאַר דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער פאַר דער צו־גרייטונג פון זייער רעוואָלוציאָנערער אַטאַקע אויף קאַפּיטאַל, די באַגרינ־דונג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר סאָציאַליזם" (לענין).

דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל (1889 — 1914) האָט זיך אַרויס־געוויזן אומפעיאיק אָנצופירן ווייטער די אַרבעט פון דעם ערשטן אינטער־נאַציאָנאַל. זיין אָפּאָרטוניזם אין פּראַקטישע פראַגן, זיין שענדלעכע שטע־לונג אין צייט פון דער מלחמה, זיין טעטיקייט אַלס רעטער פון קאַפּיטאַ־ליזם אין דעם ערשטן רעוואָלוציאָנערן פּעריאָד נאָך דער מלחמה און זיין טעטיקייט היינט־צו־טאָג, שטיצנדיק די רעגירונגען פון נויט, פון אַרבעט־לאָזיקייט, פון פאַשיזם — דאָס אַלץ איז דיאַמעטריש קעגנזעצלעך צו דער פּאָליטיק פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די פּאַרטייען פון צווייטן אינטער־נאַציאָנאַל זיינען געוואָרן כוחות פון קאָנטער־רעוואָלוציע, זיילן פון דער בורזשואַזיע און פון פאַשיזם. די פּראָגראַם פון דעם קאָמינטערן באַ־שרייבט די היינטיקע ראָל פון דעם סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אין אָט־די ווערטער:

„די הויפּט־פונקציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע איז אין דער איצטיקער צייט צו ברעכן די פונדאַמענטאַל נויטיקע מיליטאַנטע איינ־קייט פון דעם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף קעגן אימפּעריאַליזם. דורך שפּאַלטן און ברעכן דעם פאַראייניקטן פראָנט פון דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף קעגן קאַפּיטאַל דינט די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע אַלס הויפּט־

אָנשפּאַר פֿונם אימפּעריאַליזם אין דעם אַרבעטער־קלאַס. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע פֿון אַלע שאַטירונגען, דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל מיט זיין טרייד יוניאָן אָפּטיילונג, די אַמסטערדאַמער פֿעדעראַציע פֿון טרייד יוניאָנס, איז אַזוי־אַרום געוואָרן דער לעצטער רעזערוו פֿון דער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט און איר זיכערסטער אָנשפּאַר.

דער קאָמוניסטישער אינטערנאַציאָנאַל, געגרינדעט אין יאָר 1919, ווען עם עקזיסטענץ ס'איז פֿאַרויסגעזען געוואָרן פֿון ענגעלסן, איז דער אמתער נאָכפֿאָלגער פֿון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און דער ווירקלעכער אויספֿירער פֿון זיין ירושה.

2. די פּאַריזער קאָמונע

1. די צווייטע אימפּעריע

די צווייטע אימפּעריע (1852 — 1870) איז געווען אַן עפּאָכע אין וועלכער דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אין פֿראַנקרייך זייער שנעל אַנטוויקלט. אינדוסטריע און דער האַנדלס־אָפּזאַץ זיינען שנעל געוואָקסן און פֿראַנקרייך איז באַדעקט געוואָרן מיט אַ געדיכטער נעץ פֿון אייזנבאַנען. פֿון 1851 ביז 1869 איז דאָס פֿראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פֿאַרמעגן פֿאַרטאָפּלט געוואָרן (פֿון 82 אָף 162 ביליאָן פֿראַנק). די פֿינאַנציעלע בורזשואַזיע, ענג פֿאַרבונדן מיט דער רעגירונג פֿון דער צווייטער אימפּעריע, האָט איינגעשטעלט אַ ברייטע סיסטעם פֿון בירזשעס און ספּעקולאַציע און האָט אָנגעזאַמלט ריזיקע קאַפּיטאַלן.

דער פּראָצעס איז באַגלייט געוואָרן מיט דער ירידה פֿון קליין־אינדוסטריע און האַנט־אַרבעט, וועלכע זיינען אַרויסגעשטויסן געוואָרן פֿון גרויס־קאַפּיטאַל, און גרויסע צאָלן פֿון דער שטאָטישער קליין־בורזשואַזיע זיינען רואינירט געוואָרן.

פֿון דעם פּאָליטישן שטאַנדפּונקט איז די צווייטע אימפּעריע געווען אַ רעזשים פֿון שוואַרצסטער רעאַקציע. די מיליטערישע קליקעס, די ביוראָקראַטיע און דער קלער (גלחים־קלאַס) האָבן געהערשט אומגעצאַמט. די שולן זיינען געווען פֿולשטענדיק אונטער דער מאַכט פֿון דער קירך, די פּרעסע איז געווען אונטערגעוואָרפֿן אונטער דער שטרענגסטער צענזור. די וואַלן צו דער געזעצגעבנדער פֿאַרזאַמלונג — אַ סאָרט פּאַרלאַמענט — זיינען געהאַלטן געוואָרן אונטער דער וואַכזאַמער אויג פֿון דער אַדמיניסטראַטיווער מאַשין, וועלכע האָט אויסגעאיבט אַן אָפֿענעם דרוק.

אין די ערשטע יאָרן פֿון דער אימפּעריע האָט זיך נאַפּאָלעאָן דער דריטער געשטיצט אָף די שטאַרקסטע טיילן פֿון דער בורזשואַזיע און פֿון דעם פּויערטום. אָבער ווען דער זכרון פֿון 1848 איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן,

און די רעגירונג איז אַלץ קלאָרער אויפגעדעקט געוואָרן אַלס די געטרייע היטערין פון די אינטערעסן פון דער פינאַנציעלער בורזשואַזיע, האָט נאַפּאָלעאָן פאַרלוירן די שטיצע פון די אינדוסטריאַליסטן.

דער דורכפאַל פון זיין אויסלענדישער פּאָליטיק, וועלכע האָט געפירט צו אַ צאָל מלחמות, וואָס האָבן זיך אַלע געענדיקט מיט דער מפּלה פון פראַנקרייך, די געלט־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וואָס האָט ארויפגעלייגט די גאַנצע משא פון שטייערן אַף די מאַסן, און די אומגלויבלעכע קאָרופּציע פון די באַאמטע — דאָס אַלץ האָט געגעבן אַ גרויסן אימפּולס דער אָפּאָזיציע און דעם וואוקס פון רעפּובליקאַנישע סענטימענטן אין לאַנד. נאַפּאָלעאָן האָט געפּרואווט אָפּשטעלן די אָפּאָזיציע־באַוועגונג, אָבער אָן דערפאָלג. אין די וואַלן פון יאָר 1869 האָט די אָפּאָזיציע געקראָגן, ניט געקוקט אַפן דרוק פון דער אַדמיניסטראַציע, דריי מיליאָן שטימען קעגן פיר מיליאָן, 500 טויזנט שטימען פאַר דער רעגירונג. די אימפּעריע האָט זיך דער־נענטערט צו איר סוף.

די פראַנצויזישע אַרבעטער־באַוועגונג

ניט געקוקט אַפן שנעלן וואוקס פון קאַפּיטאַליזם אין פראַנקרייך איז דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאַריאַט ניט געוועזן זייער צאָלרייך אין די 60ער און 70ער יאָרן.

האַנט־אַרבעטער, הויז־אַרבעטער און אַרבעטער און קליינע אונטער־נעמונגען האָבן נאָך אַלץ פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ זייער גרויסע צאָל. פון די 442 טויזנט אינדוסטריעלע אַרבעטער אין פּאַריז זיינען ניט מער פון 50 טויזנט געווען באַשעפטיקט אין גרויסע אונטערנעמונגען, אָדער ביי טראַנספּאָרט און פאַרקער.

עס זיינען געווען צווישן דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט אַ סך טיילן, וועלכע האָבן זיך ווייניק אונטערשיידט פון דעם קליינבירגערטום, און נאָך ניט באַפרייט פון קליינבירגערלעכע אידייען. דאָס דערקלערט אויך דעם גרויסן איינפלוס פון פּרודאָניזם אַף די פראַנצויזישע אַרבעטער אין דער אימפּעריע. אָבער די פאַקטן פון אומאויפהערלעכן קלאַסנקאַמף האָבן איבערצייגט די אַרבעטער אין דער נוצלאָזיקייט פון פּרודאָניסטישע מיטלען און זיי ביסלעכוויז געפירט אַפן ריכטיקן וועג. דער צוזאַמענברוך פון דער פּרודאָניסטישער אַרבעטער קרעדיט־באַנק אין יאָר 1868 האָט אויפ־געדעקט דעם אוטאָפּישן־כאַראַקטער פון דעם פּרודאָניסטישן פּלאַן פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם.

די דורכפאַלן וואָס די פּרודאָניסטישע אידייען האָבן געליטן אַף די קאָנגרעסן פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן געהאָלפן אַ טייל פון די

פראַנצויזישע אַרבעטער שנעלער אוועקצואוואַרפן זייערע קליינבירגערלעכע פּרודאָניסטישע אילוזיעס.

אין יאָר 1864 איז דאָס שאַפּעליער־געזעץ, וואָס האָט פאַרבאָטן סטרייקס און קאָמבינאַציעס פון אַרבעטער, אָפּגעשאַפט געוואָרן. דאָס האָט אָבער ניט אָפּגעהאַלטן די רעגירונג פון דערשיסן סטרייקער. די טרייד יוניאָן באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרקער.

ווען די רעגירונג איז געוואָר געוואָרן וועגן די רעוואָלוציאָנערע סענטי־מענטן צווישן דעם אַרבעטער־קלאַס האָט זי אָנגעהויבן ביטער צו פאַר־פאָלגן די פראַנצויזישע סעקציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל. די פּראָצעסן פון דעם יאָר 1868 האָבן פאַקטיש פאַרניכטעט די פראַנצויזישע סעקציע פון אינטערנאַציאָנאַל, כאָטש די ראָל, וואָס זי האָט געשפּילט אין סטרייקס, און די פאַרפאָלגונגען, וואָס זי האָט געליטן פון דער נאַפּאָלעאָנישער רע־גירונג, האָט שטאַרק פאַרגרעסערט איר פּרעסטיזש צווישן די מאַסן. די פאַראייניקונג פון אַ צאָל אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אין דער פּאַריזער פעדעראַציע פון דעם אינטערנאַציאָנאַל איז פאָרגעקומען ערשט אין יאָר 1870. די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַל האָבן אָבער ניט געהאַט, ניט קיין קלאָרע און פאַראייניקנדיקע פּראָגראַם, און נישט קיין אַנטשלאָסענע פיר׳ערשאַפט.

פאַר דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה האָט דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט ווירקלעך ניט געהאַט קיין פּאַרטיי אַף אַ נאַציאָנאַלן מאַס־שטאַב. די באַוועגונג האָט איינגעשלאָסן פּרודאָניסטן, בלאַנקיסטן און באַקוניניסטן, וועמעס מיינונגען וועגן די פונדאַמענטאַלע פראַגן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן זיך פונדאַמענטאַל אונטערשיידט איינע פון די אַנדערע, און קיינער פון זיי איז ניט געווען צוגעגרייט צו די אויפגאַבן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַרן אַרבעטער־קלאַס.

דאָס פאַלן פון דער אימפּעריע. די רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג

ווייסנדיק וועגן דעם מעכטיקן וואוקס פון רעפּובליקאַנער סענטימענטן אין לאַנד האָט נאַפּאָלעאָן דעם 19טן יולי, 1870, אָנגעהויבן די מלחמה אַוו פּרייסן מיט דער האָפנונג צו העכערן דעם פּרעסטיזש פון דער אימפּעריע דורך מיליטערישע זיגן און דערמיט אָפּהאַלטן דעם וואוקס פון דער אָפּאָ־זיציע. ביסמאַרק איז געווען פּונקט אַזוי גערן פאַר מלחמה, ווייל אַ זיג איבער פראַנקרייך האָט געמיינט די פאַרענדיקונג פון דייטשער איינהייט אונטער פּרייסישער דאָמינירונג.

די מלחמה האָט באַלד אויפגעדעקט די אינערלעכע צעפוילקייט פון דער אימפּעריע. די שלעכט אויסגעשטאַטעטע טרופּן, אונטער מיטלמעסיקער פירערשאַפט, האָבן געליטן מפּלה נאָך מפּלה. צוויי חדשים נאָך דעם אויסברוך פון מלחמה — דעם 2טן סעפּטעמבער — זיינען נאַפּאָלעאָן און דער הויפּט־טייל פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער פּרייסישער אַרמיי אין סעדאַן און זיינען געצוואונגען געוואָרן זיך אונטערצוגעבן.

דעם 4טן סעפּטעמבער, איז די אַלטע רעגירונגס־פאָרם אָפּגעשאַפט געוואָרן אין פּאַריז און די רעפּובליק איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען ניט פּאַראייניקט און ניט צוגעגרייט פאַר אַ רעוואָלוציע. די מאַכט איז אַריינגעפאַלן אין שוים פון דער בורזשואַזער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט געגרינדעט די אַזוי־גערופענע רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. די פּרייסישע אַרמיי האָט פאָרגעזעצט איר פאָר־מאַרש און דעם 19טן סעפּטעמבער האָט זי אַרומגערינגלט פּאַריז. אין דער באַלאַגערטער שטאָט איז די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע פאַרגרעסערט געוואָרן צו 300 טויזנט מאַן, און אַזוי האָבן די אַרבעטער געקראָגן געווער אין זייערע הענט.

דער אַרבעטער־קלאַס און די קליין־בורזשואַזיע האָבן געבראַוויזט מיט פּאַטריאָטיזם און זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר זייער דרינגלעכסטער פליכט צו באַפרייען פראַנקרייך פון דער פּרייסישער אַרמיי. אין פראַנקרייך איז אָט־דער פּאַטריאָטישער סענטימענט „אַנטשטאַנען אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון אַכצנטן יאָרהונדערט; ער האָט באַהערשט די סאָציאַליסטן אין דער קאָמונע, און בלאַנקי, למשל, אָן ספק אַ רעוואָלוציאָנער און שטאַרקער אָנהענגער פון סאָציאַליזם, האָט ניט געפונען קיין פּאַסיקערן נאָמען פאַר זיין צייטונג ווי דעם בורזשואַזן אויס־געשריי: „דאָס פּאָטערלאַנד איז אין געפאַר" (לענין.)

„אין אָנבליק פון דעם שונא קענען ניט זיין קיין פּאַרטייען און קיין אונטערשיידן פון מיינונגען", האָט געשריבן בלאַנקי. דאָס וואָס ער האָט געקענט פאַרבאַפּט ווערן פון פּאַטריאָטישע אילוזיעס באַווייזט די ניט־רייפקייט פון אַ קלאַסן־שטאַנדפּונקט פון דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט און וואָס פאַר אַן איינפלוס די קליין־בורזשואַזע אידייען האָבן אויף זיי געהאַט.

די „רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג" האָט מער מורא גע־האַט פאַר די באַוואָפנטע אַרבעטער אין פּאַריז, ווי פאַר די פּרייסישע סאָלדאַטן פון דרויסן. זי איז דעריבער געוואָרן אַ רעגירונג פון נאַציאָנאַלן פאַר־ראַט, גרייטנדיק זיך אין געהיים איבערצוגעבן פּאַריז. די באַוואָפנטע פּראָלעטאַרישע מאַסן וואָלטן געקענט זיין אויסגעצייכנטע סאָלדאַטן, אָבער

פאר זייער זיג האָט די רעגירונג מורא געהאַט. דעריבער זיינען די דיוויזיעס פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע געוואָרפן געוואָרן אין שלאַכט מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן פאַרניכטעט ווערן. „דאַן", האָט געזאָגט גענעראַל טראָשו, מיליטערישער גובערנאַטאָר פון פאַריז און אַ מיטגליד פון דער רעגירונג, „אויב 20 טויזנט וועלן פאַלן אין אַ גרויסער שלאַכט וועט זיך פאַריז אונטערגעבן".

דער פאַרראַט פון דער רעגירונג, איר אָפליינן נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון די פאַריזער אַרבעטער, וועלכע האָבן געוואָלט מען זאָל רעקווירירן אַלע שפּייז-מאַטעריאַלן און אויסטיילן זיי צו אַלעמען לויט אַ קאַרטל-סיסטעם, צוזאַמען מיט די מיליטערישע מפּלות, האָבן געפירט צו פאַרזוכן פון אַ טייל בלאַנקיסטן און יאַקאָבינער אויף אויפשטאַנדן דעם 31טן אָקטאָבער, 1870, און דעם 23טן יאַנואַר, 1871. אָט-די פאַרזוכן זיינען דורכגעפאַלן, צוליב ניט גענוגנדער אָרגאַניזאַציע, און נאָך זיי זיינען געקומען כוואַליעס פון שטראָף-אַקטן. דעם 28טן יאַנואַר האָט זיך פאַריז אונטערגעגעבן. די פרידנס-באַדינגונגען האָבן געדאַרפט באַשלאָסן ווערן פון אַ נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, וועלכע האָט געזאָלט דערוויילט ווערן דעם 6טן פעברואַר.

די פראַגע פון „פרידן אָדער קריג" איז געווען די ווירקלעכע פראַגע פון די וואַלן. די רעפּובליקאַנער און די סאָציאַליסטן האָבן געוואָלט פאָרזעצן די מלחמה. די פויערים האָבן דעריבער געשטימט פאַר די מאָנאַרכיסטן, וועלכע זיינען געשטאַנען פאַר שלום. פון די 740 מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זיינען 450 געווען מאָנאַרכיסטן. די פאַרזאַמלונג האָט זיך געאיילט שליסן שלום מיט פּרייסן און צוגעשטימט צו צאָלן פינף ביליאָן פראַנק שאָדנערזאַץ און אָפּגעבן עלזאַס-לאָטרינגען צו פּרייסן.

אויפמערקזאַמקייט איז דאַן געגעבן געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער פאַריז. פאַר גאָווערנאָר פון פאַריז און קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע זיינען באַשטימט געוואָרן מאָנאַרכיסטישע גענעראַלן. ביי די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע האָט מען אַוועקגענומען זייער לוין (אַ דערהאַלבן פראַנק אַ טאָג), וואָס איז געווען דער איינציקער מיטל צום לעבן פאַר די גרויסע מאַסן פון פּראָלעטאַריאַט, אַלס רעזולטאַט פון דער אַרבעטלאָזיקייט. דער מאָראַטאָריום אויף דירה-געלט און אויף חובות, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין באַלאַגערונגס-צייט, איז צוריקגערופן געוואָרן. די אַרבעטער און קליינבירגער האָבן געהאַלטן ביי רואינירט ווערן.

אָבער דאָס וויכטיקסטע האָט נאָך די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג ניט געטאָן. די אַרבעטער און באַלמעלאָכעס פון פאַריז האָבן געדאַרפט אנטוואָפנט ווערן. דער הויפּט פון דער רעגירונג, דער מאָנאַרכיסט טיער, האָט באַפוילן,

אז 250 קאַנאָנען, וועלכע האָבן באַלאַנגט צו דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, זאָלן פאַרכאַפּט ווערן און געשטעלט ווערן אונטער מיליטערישער אויפזיכט. די פאַרכאַפּונג פון די קאַנאָנען איז ניט דערלאָזט געוואָרן; דעם 18טן מערץ איז די רעגירונג און די רעגולערע אַרמיי אַנטלאָפן קיין ווערסאַל; דער קאָנטראָל איז איבערגענומען געוואָרן פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, דערוויילט דורך אַ ריזיקער מאַיאָריטעט פון די באַטאַליאָנען.

2. די קאָמונע

דער אויפשטאַנד פון דעם 18טן מערץ איז געווען אַ ספּאָנטאַנע געשעעניש. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס זיינען געווען פולשטענדיק ניט צוגעגרייט דערצו. די פעדעראַציע פון אינטערנאַציאָנאַל האָט אין אָנהויב ניט געקענט באַשליסן ביי זיך אַריינצומישן זיך אין די פּאַסירונגען. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, צוזאַמענגעשטעלט פון סאָציאַליסטן און פּראָלעטאַריער, האָט געזוכט צו פאַרמיידן פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען, און ער האָט גערופן וואַלן פאַר אַ „קאָמונע", אַ קערפּערשאַפט צו וועלכער די גאַנצע מאַכט וועט איבערגעגעבן ווערן. די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך געדאַרפט באַטייליקן אין די וואַלן, כדי די נייע מאַכט זאָל זיין דעמאָקראַטיש. די וואַלן, אין וועלכע 230 טויזנט מענטשן האָבן זייך באַטייליקט, האָבן זיך געענדיקט דעם 26טן מערץ און דעם 28טן מערץ האָט דער ראַט פון דער קאָמונע איבערגענומען די מאַכט.

אָבער דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכער איז געבליבן אין עקזיסטענץ, האָט פונקט אַזוי ניט פאַרשטאַנען די רעוואָלוציאָנערע באַדייטונג פון די פּאַסירונגען, ווי ער האָט ניט פאַרשטאַנען די נויטיקייט פון אַן אַטאַקע אויף ווערסאַל. ער האָט מורא געהאַט אָנצוהויבן בירגער־קריג, זיך פאַרנומען מיט די וואַלן צו דער קאָמונע, און אַזוי־אַרום געגעבן די ווערסאַלער צען טעג צייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם און צו מאָביליזירן די כוחות פון קאָנטער־רעוואָלוציע. נאָך אַ טעות איז געווען, וואָס ער האָט אַזוי גיך איבערגעגעבן די מאַכט צו דער קאָמונע — דער צענטראַל־קאָמיטעט איז געווען אַ מער פאַראייניקטע קערפּערשאַפט און מער פּראָלעטאַריש אין זיין באַשטאַנד ווי עס איז געווען דיי קאָמונע. רעכנענדיק אויף אַ פאַרשטענדעניש מיט ווערסאַל האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט ניט אָוועקגענומען דאָס שטימרעכט ביי דער בורזשואַזיע. אָבער די זיבעצן פאַרטרעטער, דערוויילט פון דער בורזשואַזיע, האָבן זיך באַלד אָפּגעזאָגט פונעם פּראָלעטאַריאַט דורכדעם וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו באַנוצן זייערע

מאנדיאטן. די קאָמונע האָט (נאָך די ביי־וואַלן) געציילט 77 מיטגלידער.

דער צוזאַמענשטעל פון דער קאָמונע האָט אָפּגעשפּיגלט דעם בונד פון די פּראָלעטאַרישע מאַסן מיט דער קליין־בורזשואזיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין צייט פון דער מלחמה אָפן באַזיס פון פּאַרטייִדיקן דאָס פאָטערלאַנד. אַרום 32 פּראָצענט פון דער קאָמונע זיינען געווען אַרבעטער, 15 פּראָצענט באַאַמטע, 14 פּראָצענט קליינע געשעפטלייט און 39 פּראָצענט מיטגלידער פון די ליבעראַלע פּראָפעסיעס, אַדוואָקאַטן, לערער, א. א. וו.

די קאָמונע האָט זיך צוטיילט אין צוויי גרופּן — די מאַיאָריטעט איז באַשטאַנען פון יאַקאָבינער און בלאַנקיסטן, און די מינאָריטעט פון פּרודאָניסטן. די יאַקאָבינער האָבן פאַרטראָטן די ראַדיקאַלע קליין־בורזשואזיע. זיי זיינען ניט געווען קיין סאָציאַליסטן, נאָר זיי האָבן געזוכט שלום צו מאַכן צווישן די קלאַסן און איינפירן אוניווערסאַלע גערעכטיקייט. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאַר נאָכפאָלגער פון די טראַדיציעס פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען די אַרבעטער־באַוועגונג און האָבן געזוכט צו פאַרווירקלעכן אין דער קאָמונע די דעמאָקראַטישע אידעאַלן פון 1793, ניט פאַרשטייענדיק, אַז די נייע עפּאָכע האָט מיט זיך געבראַכט נייע אידעאַלן און נייע אויפגאַבן.

אין אַ סך פראַגן זיינען די מאַיאָריטעט און די מינאָריטעט געווען צוטיילט צווישן זיך. די מינאָריטעט האָבן געלייגט זייערע האָפנונגען אויף אַ שטאַטלאָזן בונד פון אויטאָנאָמע קאָמונעס, זיינען געווען קעגן אָנווענדן מלוכה־מאַכט און האָבן ענערגיש געקעמפט קעגן דיקטאַטאָרישע מיטלען. דער קאַמף אין דער קאָמונע איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די מינאָריטעט האָט איינמאָל דעמאָנסטראַטיוו פאַרלאָזן דעם זאַל, באַשולדיקט די מאַיאָריטעט, אַז זיי זיינען דיקטאַטאָרן, און פאַרעפנטלעכט זייער פּראָטעסט אין די צייטונגען — אַ פּאַסירונג, וואָס האָט געוויס אַרויסגערופן גרויס צעטומלעניש צווישן דעם פּראָלעטאַריאַט פון פּאַריז.

די קאָמונע, אָן אַ קלאָרער פּראָגראַם פון האַנדלונג, אָן געאייניקטער פירערשאַפט, און אינערלעך צוריסן צווישן אירע קעגנזייטיק פיינטלעכע טענדענצן, האָט עס געדאַרפט פירן דעם פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט אין אַ מאָמענט ווען פאַר אים זיינען געשטאַנען אַזעלכע דרינגלעכע און שווערע אויפגאַבן. די סיטואַציע איז געווען אויסערגעוויינלעך קאָמפּליצירט. דער מלוכה־אַפּאַראַט האָט ניט פונקציאָנירט, ווייל די העכערע און מיטעלע באַאַמטע זיינען אַנטלאָפן קיין ווערסאַל. די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָט די קאָמונע אַריינגעטריבן אין אַ לאַגע, אין וועלכער ס'איז געווען אוממעגלעך פּשוט איבערצונעמען די מאַשינעריע פון דעם בורזשואזן שטאַט, וועלכער האָט געמוזט צושטערט ווערן און איבערגעבויט ווערן אויפסניי. די קאָמונע האָט געפונען דעם ריכטיקן וועג ווי צו לייזן אַט־די שוועריקייט,

כאָטש זייער לאַנגזאַם און בלויז טיילווייז. אָבער איר דערפאַרונג איז געווען פון אומגעהויערן נוצן פאַרן רוסישן פּראָלעטאַריאַט אין 1917.

די קאָמונע האָט אָפּגעטיילט די קירך פון דער מלוכה און האָט באַפרייט ווי אַן אַרבעטנדיקע פּאָליטישע קערפּערשאַפט, וואָס האָט פאַראייניקט אין זיך סיי די געזעצגעבנדיקע, סיי די אויספירנדיקע מאַכט. אירע מיטגלידער זיינען געווען אינדיווידועל פאַראַנטוואָרטלעך און האָבן געקאָנט צוריקגערופן ווערן צו יעדער צייט. אַלע באַאַמטע זיינען דערוויילט געוואָרן, און האָבן געקאָנט צוריקגערופן ווערן, און זייער געהאַלט איז ניט געווען גרעסער פון דעם דורכשניטלעכן לוין פון אַ קוואַליפיצירטן אַרבעטער. די קאָמונע האָט פאַרביטן די שטייענדיקע אַרמיי מיט אַ באַוואָפנטן פאָלק און האָט אָפּגעשאַפט די פּאָליציי־מאַכט.

די קאָמונע האָט אָפּגעטיילט די קירך פון דער מלוכה און האָט באַפרייט די שולן פון גלחישן קאָנטראָל. פרייע בילדונג איז איינגעפירט געוואָרן אין אַלע בילדונגס־אינסטיטוציעס. ריכטער, פּונקט ווי אַלע אַנדערע באַאַמטע, האָבן געדאַרפט דערוויילט ווערן און זיינען געווען פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך און געקאָנט צוריקגערופן ווערן. אָט־די אַלע מיטלען, וואָס די קאָמונע האָט דורכגעפירט, האָבן ראַדיקאַל געענדערט דעם כאַראַקטער פון דעם מלוכה־אַפּאַראַט און אים פאַרוואַנדלט פון אַן אינסטרומענט פון בורזשואַזער קלאַסן־הערשאַפט אין אַ שטאַט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, געשטיצט פון דער גרויסער מערהייט פון די אַרבעטער.

די קאָמונע איז געווען ווייט פון באַגריפן, אַז זי האָט איינגעשטעלט אַ דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. אָבער די באַדינגונגען פון בירגער־קריג, אונטער וועלכע זי האָט געאַרבעט האָבן איר געצוואונגען אָנצונעמען מעטאָדן פון דיקטאַטור און טעראָר קעגן קלאַסן־שונא. זי האָט פאַרבאָטן פאַרזאַמלונגען פון ווערסאַלער, צוגעשלאָסן זייער פּרעסע, געמאַכט זוכונגען אין זייערע הייזער, דורכגעפירט אַרעסטן, אויפגעשטעלט אַ קאָמיטעט פון עפענטלעכן וואוילזיין, אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט וועגן שיסן די אין משכנות געהאַלטענע שונאים. איר אַרבעט אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן געביט איז געווען ניט קיין גרויסע. די קאָמונע האָט ניט אויפגעהויבן די פראַגע פון עקספּראָפּריאירן די בורזשואַזיע. די דעקרעטן, וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן וועגן אָפּשאַפן געלט־שטראָפן אין פאַבריקן, פאַרבאָטן נאַכט־אַרבעט פאַר בעקער, איבערגעבן די פירמעס, וועלכע די אייגנטימער האָבן פאַרלאָזט אין די הענט פון אַרבעטער־קערפּערשאַפטן, עטאַבלירן אַן אַרבעטער־בירזשע, באַזאָרגן די אלמנות און יתומים פון די מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע זיינען געפאַלן אין קאַמף מיט די ווערסאַלער (אָן אונטערשייד צווישן געזעצלעכע און ניט־געזעצלעכע קינדער) — אָט־די אַלע דעקרעטן האָבן ניט אָנגערירט די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט־

אָרדנונג. די אומקלאָרקייט און צעטומלטקייט פון די סאָציאַליסטישע אידייען צווישן דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט פון יענער צייט האָט זיך ספּעציעל אַרויסגעוויזן אין אָט־דער פּאָזע פון טעטיקייט פון דער קאָמונע.

די באַנק פון פראַנקרייך איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די קאָמונע. איר פאַרמעגן האָט אָנגעטראָפן דריי ביליאָן פראַנק. די קאָמונע האָט דאָס געלט ניט פאַרנומען, וואָס וואָלט איר געגעבן אַן אויסגעצייכנטע קאָרט אין די הענט קעגן ווערסאַל, נאָר פאַרקערט, זי האָט פאַרזיכטיק געהיט דאָס אייגנטום פון דער בורזשואַזיע. דער קליינבירגערלעכער רעספּעקט פאַר פּריוואַט־אייגנטום און דער וואונטש צו דערגרייכן „גערעכטיקייט פאַר אַלע־מען" האָט געבראַכט דערצו, אַז די קאָמונע האָט צוריקגעוויזן אַ פאָרשלאָג צו קאָנפיסקירן דאָס אייגנטום פון די אייזנבאַן־קאָמפּאַניעס, און אַ צווייטן פאָרשלאָג בטל צו מאַכן די חובות־אָבליגאַציעס און אַרויפצולייגן שטראָף־צאָלונגען אויף דער בורזשואַזיע, וואָס איז אַנטלאָפן קיין ווערסאַל.

די טעותן און די באַדייטונג פון דער קאָמונע

ס'איז געווען דער אומגליק פון דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס ער האָט ניט געהאַט קיין פּאַרטיי, וואָס זאָל קענען אָפּשאַצן די אויפגאַבן פון דעם מאָמענט און אָנפירן דעם פּראָלעטאַריאַט. אַנשטאָט אַרויסצו־מאַרשירן קעגן ווערסאַל באַלד דעם 18טן מערץ, אין שהיות, און פאַרניכטן דעם שונא, האָט זיך דער פּראָלעטאַריאַט געוואַקלט מיט דער האָפנונג צו קענען אויסאיבן אַ מאָראַלן דרוק. דאָס איז געווען אַ גרויסער טעות. דער צענטראַל־קאָמיטעט פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע וואָלט געקענט בעסער אַן עצה געבן זיך אין דער לאַגע ווען ער וואָלט געהאַנדלט זעלבסטשטענדיק פון דער קאָמונע. ס'איז אמת, אַז די קאָמונע איז געווען געצוואונגען אָנ־צונעמען דיקטאַטאָרישע מיטלען און אָנווענדן טעראָר, אָבער דאָס איז געטאָן געוואָרן אויף אַן אומסיסטעמאַטישן און אומאַנטשלאָסענעם אופן, אָן אַ פעסטן צוועק. עטלעכע טעותן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אין מיליטערישע ענינים, ווי אויך אין דער שטעלונג צו דער באַנק פון פראַנקרייך. די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע פּאָליטיק פון דער קאָמונע האָט אויך ניט געטאָרט זיין האַלב־אויף־האַלב, נאָר זי האָט ענערגיש געדאַרפט צוטרעטן צו עקספּראָפּריאירן די בורזשואַזיע.

אַזוי האָט די קאָמונע אויך ניט געקענט איינשטעלן קיין קאָנטאַקט מיט די פּראָווינצן. אין אַ ריי שטעט (ליאָן, מאַרסעל, סען עטיען, א. א. וו.) זיינען פאָרגעקומען אויפשטאַנדן ווען די נייעס וועגן די פּאַסירונגען אין פּאַריז

איז דאָרט באַקאַנט געוואָרן. יענע שטעט זיינען אָבער געבליבן איזאָלירט און זיי זיינען לייכט אונטערדריקט געוואָרן. באַזונדער ערנסט איז געווען דאָס וואָס די קאָמונע איז ניט געקומען אין באַריר מיט די פּויערים.

אָט די אַלע טעותן זיינען געקומען דערפון וואָס דער פראַנצויזישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען ניט רייף אַלס אַ קלאַס און צוליב דעם איינפלוס פון די קליינבירגערלעכע (יאַקאָבינער) עלעמענטן אין דער קאָמונע, וואָס האָט געווירקט ווי אַ טאָרמאָז. זיי האָבן אריינגעטראָגן אין די רייען פון דעם פּראָלעטאַריאַט זייער פּאָליטישע כאַראַקטערלאָזיקייט, זייער אומאַנטשלאָסנ־קייט, און זייער קליינבירגערלעכן רעספּעקט פאַר פּריוואַט־אייגנטום.

אויף דער זייט פון דער קאָמונע איז געווען אַ ניט גענוגנדע אָפּשאַצונג פון פּאָסירונגען, אַ מאַנגל אין אָרגאַניזאַציע, אין סיסטעם און אין אַנטשלאָסנ־קייט; גאַנץ אַנדערש איז געווען אין לאַגער פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. פון סאַמע אָנהויב האָט טיער באַשלאָסן פולשטענדיק צו פאַרניכטן די קאָ־מונע. ער איז אַרויסגעהאָלפן געוואָרן פון דער פּרייסישער רעגירונג, וועלכע האָט באַפרייט די פראַנצויזישע געפאַנגענע צו פאַרטיידיקן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס.

די ווערסאַלער און די דייטשע אַרמיי האָבן אַרומגערינגלט פּאַריז פון אַלע זייטן. דעם 21טן מאַי זיינען די ווערסאַלער אַריין אין פּאַריז. אַ וואָך צייט האָבן די קאָמונאַרן אַרויסגעשטעלט אַ העראָאישן ווידערשטאַנד, אָבער די גרעסערע מאַכט פון שונא האָט געזיגט, און דעם 28טן מאַי איז די קאָ־מונע געפאַלן נאָכדעם ווי זי האָט עקזיסטירט 72 טעג. די בורזשואַזיע האָט גענומען איר נקמה, און איר טעראָר האָט געבושעוועט אומבאַגרעניצט. אין אַ משך פון עטלעכע טעג זיינען 25 טויזנט דערשאָסן געוואָרן אויף טויט און 13,700 זיינען פאַראורטיילט געוואָרן, די מערסטע פון זיי זיינען פאַרשיקט געוואָרן אין דעם פיבער־גיהנום פון ניי־קאַלעדאָניע. ווידעראַמאָל האָט דער אַרבעטער־קלאַס געלערנט ווי די בורזשואַזיע איז זיך נוקם אָן יענע, וואָס וואַגן צו אַטאַקירן די הייליקע רעכט פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

מאַרקס, לענין און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן וועגן דער קאָמונע

מאַרקס האָט נאָכגעפאָלגט די אַנטוויקלונג פון געשעענישן אין פראַנק־רייך אין דער צייט פון דער פראַנצויזיש־דייטשער מלחמה מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. איינזעענדיק די שוואַכקייט פון די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס און זייער ניט צוגעגרייטקייט צום קאַמף האָט ער ניט גע־ראָטן די פראַנצויזישע אַרבעטער אַרויסצוטרעטן אין אויפשטאַנד קעגן דער רעגירונג פון נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג. ער האָט זיי געראָטן אויסצונוצן די גרעסערע פרייהייט אין פּאָליטישן לעבן הויפּטזעכלעך פאַרן צוועק צו

פאַרשטאַרקן זייערע רייען. אָבער ווען די קאָמונע איז געגרינדעט געוואָרן האָט זי מאַרקס באַגריסט מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם.

„ווי עס זאָל ניט זיין — האָט ער געשריבן צו קוגעלמאַנען דעם 12טן אַפּריל, 1871 — דער איצטיקער אויפשטאַנד אין פּאַריז — אויב ער וועט אפילו דערשטיקט ווערן פון די וועלף, חזירים און שמוציקע הינט פון דער אַלטער געזעלשאַפט — איז די גלאָררייכסטע העלדנטאַט פון אונזער פּאַרטיי זינט דעם יוני־אויפשטאַנד. זאָל מען פאַרגלייכן צו אָט־די טיטאַנען פון פּאַריז, וואָס שטורמען דעם הימל, די פּחדנישע קאַרליקעס פון דער דייטש־פּרייסישער הייליקער רוימישער אימפּעריע, מיט אירע עובר־בטלע מאַסקאַראַדן, פון וועלכע עס אָווערט מיט קאַזאַרמע, קלויסטער, יונקערס און מער פון אַלץ, פּיליסטערס“.

אין אַ צווייטן בריוו צו קוגעלמאַנען, געשריבן דעם 17טן אַפּריל, האָט מאַרקס געשריבן, אַז ווען דער פּאַריזער פּראָלעטאַריאַט וואָלט זיך אונטערגעגעבן צו טיערן אָן אַ קאַמף —

„וואָלט די דעמאָראַליזאַציע פון אַרבעטער־קלאַס געווען אַ פיל גרעסערע אומגליק, ווי דאָס אומקומען פון וועלכער־ניט־איז צאָל „פירער“. דער קאַמף פון דעם אַרבעטער־קלאַס קעגן דעם קאַפּיטאַליסטישן קלאַס און זיין מלוכה איז אַריינגעטראָטן אין אַ נייער פאַזע אַ דאַנק דער פּאַריזער קאָמונע. ווי די זאַך זאָל זיך ניט אַנטוויקלען, איז אַ נייע פּאָזיציע פון אַלוועלטלעך־היסטאָרישער וויכטיקייט דאָך געוואונען געוואָרן“.

צוויי טעג נאָכן פאַלן פון דער קאָמונע האָט מאַרקס געשריבן דעם „בירגער־קריג אין פראַנקרייך“, אַ געניאַל ווערק, וואָס שאַצט אָפּ די באַדייטונג פון דער קאָמונע און אַנאַליזירט איר דערפאַרונג און אירע טעותן. פאַר אים, ווי פאַר ענגעלסן, איז די אַלגעמיינע באַדייטונג פון דער קאָמונע באַשטאַנען אין דעם —

„וואָס הויפּטזעכלעך איז זי געווען אַ רעגירונג פון אַרבעטער־קלאַס, דער רעזולטאַט פון דעם קאַמף פון די פּראָדוצירער קעגן דעם קלאַס, וואָס נעמט אוועק די פּראָדוקטן; די פּאָליטישע פאָרם, ענדלעך אַנטדעקט, אין וועלכער די עקאָנאָמישע באַפרייאונג פון די אַרבעטער קען דערגרייכט ווערן“.

אין דער קאָמונע האָבן מאַרקס און ענגעלס געזען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. זיי האָבן געלייגט באַזונדער גרויס געוויכט אָפן פאַקט (און אָט־דער שלום איז געווען די איינציקע אויסבעסערונג, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין דעם „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“), אַז „די קאָמונע האָט געוויזן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס קען ניט פּשוט איבערנעמען די מאַשינעריע פון דער

מלוכה און אַנווענדן זי פאַר זיינע אייגענע צוועקן". פאַרקערט, די אַרבעטער מוזן „פאַרניכטן אַט־די מאַשינעריע", ווי מאַרקס האָט געשריבן צו קוגעלמאַנען. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט מאַרקס שטודירט די דערפאַרונגען פון דער קאָמונע, באַטראַכטנדיק יעדע נייע איינפירונג אירע אפן פלאַץ פון דער מאַשינעריע, וואָס זי האָט צושטערט. די אָפּשאַפונג פון דער שטייענדיקער אַרמיי, די דערוויילונג פון אַלע באַאַמטע און דאָס רעכט זיי צו באַזייטיקן, די רעדוצירונג פון זייער געהאַלט צו דער מדרגה פון געוויינלעכן אַרבעט־לוין, דאָס אָפּטיילן די קירך פון דער מלוכה, דאָס אָפּשאַפן די פּאָליציי־מאַכט, א. א. וו. דאָס זיינען אַלץ געווען די נייע וועגן, אַנטדעקט פון דער קאָמונע, וועלכע האָבן זי, לויט מאַרקס מיינונג, טראַנספאָרמירט אין א רעפּובליק, „וועלכע וואָלט ניט נאָר אָפּגעשאַפט די מאָנאַרכיסטישע פאָרם פון קלאַסן־הערשאַפט, נאָר די קלאַסן־הערשאַפט גופא".

מאַרקס האָט קלאָר אָנגעוויזן, אַז די קאָמונע האָט ניט געהאַט קיין געמיינשאַפטלעכס מיט דער בורזשואַזער פאַרלאַמענטאַרישער רעפּובליק.

„די קאָמונע האָט געזאָלט זיין אן ארבעטנדיקע, ניט קיין פּארלאמענטארישע, קערפּערשאפט, אויספירנדיק און געזעצגעבנדיק אין דער זעלבער צייט... אנשטאט צו באשטימען איינמאָל אין דריי אָדער זעקס יאָר וועלכער מיטגליד פון הערשער־קלאס עס זאָל פארטרעטן דאָס פאָלק אין פּארלאמענט, האָט דאָס אלגעמיינע װאלרעכט געזאָלט דינען דעם פאָלק, אָרגאניזירט אין קאָמונעס, ווי דאָס אינדיווידועלע װאלרעכט דינט יעדן אייניציקן אונטערנעמער, וואָס זוכט ארבעטער און פארוואלטער פאר זיין אונטערנעמונג".

אַזוי האָט ענגעלס אין יאָר 1891, זוכנדיק נאָך מער צו באַלייכטן דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ די קאָמונע פון דער בורזשואַזער רעפּובליק, געשריבן אין זיין איינלייטונג צו דער דריטער אויסגאַבע פון דעם „בירגערקריג אין פראַנקרייך":

„די פארניכטונג פון דער פריערדיקער מלוכה־מאכט און איר פארבייטונג מיט א נייער און אמת־דעמאָקראטישער מאכט ווערט גרינטלעך באהאנדלט אין טייל 3 פון „דער בירגער־קריג". אָבער ס'איז נויטיק צו באציען זיך דאָ אין קורצן אָף אייניקע שטריכן, באזונדער אין דייטשלאנד, וואו דער אומראציאָנעלער גלויבן אין דער מלוכה איז איבערגעגאנגען פון פילאָזאָפיע אינם אלגעמיינעם באוואוסטזיין פון דער בורזשואזיע, און אפילו פון א סך ארבעטער... און זיי מיינען, אז זיי האָבן געמאכט א שרעקלעך געוואגטן שריט דערמיט וואָס זיי האָבן זיך באפרייט פון זייער גלויבן אין דער מאָנארכיע און האָבן געלייגט זייער

אמונה אַף דער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. אין דער ווירקלעכקייט איז די מלוכה ניט קיין אנדער זאַך ווי די מאַשין, מיט וועלכער איין קלאַס אונטערדריקט אַ צווייטן, אין אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק, פּונקט ווי אין אַ מאָנאַרכיע".

ענגעלס שליסט זיין איינלייטונג מיט דעם באַקאַנטן אַרויסרוף צו די דייטשע פיליסטער: „איר ווילט וויסן, מיינע הערן, וואָס אַט־די דיקטאַטור איז פאַר אַ זאַך? טוט אַ קוק אַף דעם פּאַריזער קאָמונע. דאָס איז געווען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט".

דאָס זיינען די רעוואָלוציאָנערע שלוסן, וואָס מאַרקס און ענגעלס האָבן געצויגן פון דער דערפאַרונג פון דער קאָמונע, און וואָס די רעפאָרמיסטישע פירער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָבן פאַרגעסן און פאַלסיפיצירט.

אין זיין גלענצנדן ווערק, „דער שטאַט און רעוואָלוציע", געשריבן מיט עטלעכע חדשים פאַר אָקטאָבער, 1917, איז לענין געווען דער ערשטער קלאָר צו מאַכן די רעפאָרמיסטישע פאַרקריפּלונג פון מאַרקסיזם. ער האָט פעסט־געשטעלט און ווייטער אַנטוויקלט, אין באַצוג אַף דער קאָמונע, די אמתע מאַרקסיסטישע שטעלונג. אונטער זיין פירערשאַפט האָט דער פּראָלעטאַריאַט פון רוסלאַנד פאַרווירקלעכט מאַרקס רעוואָלוציאָנערע שלוסן אין לעבן. לער־נענדיק פון די טעותן פון דער קאָמונע האָבן זיי אויסגעמידן אַט־די טעותן אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ס'איז קלאָר, אַז אויב פאַר דער מלחמה האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן איגנאָרירט אָדער פאַלסיפיצירט מאַרקס שטעלונג צו דער קאָמונע, זיינען זיי היינט אָפן קעגן איר. אָפן דייטשן סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפאָר אין יאָר 1898, האָט וואָלמאַר, איינער פון די גרינדער פון רעפאָרמיזם, ענטפערנדיק ראָזאַ לוקסעמבורג אין דער פראַגע, געזאָגט:

„די פראַנצויזישע אַרבעטער וואָלטן זיכער ניט מער געשעדיקט זייער באַוועגונג ווען זיי וואָלטן געשלאָפן יענע גאַנצע צייט..."

ווי ווייט אַזאַ קוק זאָל ניט זיין פון דעם ענטוזיאַזם מיט וועלכן מאַרקס האָט באַגריסט די קאָמונע ווען ער האָט זי גערופן „די גלאָררייכסטע העלדנ־טאַט פון אונזער פּאַרטיי", איז אַפילו וואָלמאַרן ניט איינגעפאַלן צו לייקענען, אַז מאַרקס האָט אין דער קאָמונע געזען, קודם כל, די דיקטאַטור פון פּראָ־לעטאַריאַט. די היינטיקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וועלכע זיינען געוואָרן גע־טרייע זיילן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט האָבן גאַנץ אָפן פאַרוואָרפן די גאַנצע אידייע פון דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

אין זיין אַרטיקל „דער קאָמוניסטישער מאַניפעסט און דעמאָקראַטיע" רופט קאַרל קאַוטסקי, דער ערגסטער רענעגאַט פון דער פּראָלעטאַרישער

רעוואָלוציע, די פּאַריזער קאָמונע א „קורצער, לאָקאַלער עפּיזאָד“, ער קומט צום שלום, אַז דער פּראָלעטאַריאַט, אויב ער וויל ראַדיקאַל ענדערן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט מוז אויפגעבן רעוואָלוציע און בירגער־קריג.

אין זיין פּאַמפלעט, „פון דעמאָקראַטיע צו מלוכה־שקלאַפעריי“, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט אומבאַגרעניצטער שנאה צו דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין פאַרבאַנד פון סאָציאַליסטישע סאָוועטן־רעפּובליקן, אַפּעלירט קאַוטסקי צו די דייטשע אַרבעטער צו באַגראָבן איינמאָל פאַר אַלע מאָל יענע פאַרהאַסטע פראַזע, די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט.

„אזוי־ארום האָבן מיר יעדע אורזאַך אויפצוהערן זיך באַנוצן מיט דעם לאָזונג פון פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וועלכער קען שטענדיק מיספאַרשטאַנען ווערן און איז, פאַר 1917, באַנוצט געוואָרן בלויז אין דער פּאָלעמישער און ניט אין דער אגיטאַציאָנעלער ליטעראַטור פון מאַרקסיזם“.

פאַרוואָס זאָל עס ניט אויפגעגעבן ווערן, אַרגומענטירט קאַוטסקי, ווען אפילו ביי מאַרקסן און ענגעלסן איז עס געווען בלויז אַ צופעליקע פראַזע, וואָס האָט זיך ביי זיי אַרויסגעכאַפּט פון מויל!

„די באָלשעוויקעס — זאָגט ער ווייטער — באַציען זיך אַף מאַרקסן און ענגעלסן, וועלכע האָבן גערעדט וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. צום באַדויערן האָבן זיי קיינמאָל געניי ניט דערקלערט די מיינונג פון אָט־דעם טערמין, באַנוצנדיק אים בלויז אין צופעליקע באַמערקונגען. פאַר די באָלשעוויקעס איז עס אָבער געוואָרן א פּראָגראַם“.

אַזוי פאַרקריפּלען די טעאָרעטיקער פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל די לערן פון מאַרקסן. מאַרקס אַליין האָט אונז געלאָזן דעם בעסטן באַווייז פון דער וויכטיקייט, וואָס ער האָט געגעבן דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור סין זיין אידייען־סיסטעם. אין אַ בריוו צו ווײַדעמעיערן האָט ער געשריבן אין יאָר 1852, אַז זיינע אויפטועון ליגן ניט אין דער אַנטדעקונג פון קלאַסן און דעם קלאַסן קאַמף:

„לאנג פאר מיר האָבן בורזשואזע היסטאָריקער באַשריבן די היסטאָרישע אנטוויקלונג פון אָט־דעם קאַמף פון קלאסן, און בורזשואזע עקאָנאָמיסטן — די עקאָנאָמישע אנאטאָמיע פון קלאסן. וואָס איך האָב אויפגעטאָן נייס איז געווען צו ווייזן, ערשטנס, אז די עקזיסטענץ פון קלאסן איז פארבונדן מיט באַשטימטע קאמפן אין דער אנטוויקלונג פון פּראָדוקציע; צווייטנס, אז דער קלאסנקאמף פירט נויטיקערווייז צו דער דיקטאטור פון פּראָלעטאריאט; דריטנס, אז אָט־די דיקטאטור גופא איז

בלויז דער איבערגאנג צו דער אָפּשאפונג פון אלע קלאסן און צו א קלאסנלאָזער געזעלשאפט". (זע לעניגס „שטאט און רעוואָלוציע".)

אזוי־ארום זען מיר ווי אָט־די „צופעליקע באַמערקונג" איז פאר מארקסן געווען די צענטראַלע אידייע אין זיין גאַנצער אידייען־סיסטעם.

אנדערע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע טאָרעטיקער גייען נאָך ווייטער פון קאוטסקין, און ניט נאָר זאָגן זיי זיך אָפּ פון מארקס אויפפאסונג פון דעם שטאַט, נאָר זיי קומען ארויס מיט ליבעראַל־אַנארכיסטישע אידייען. קור־נאָוו אנטדעקט אין זיין „מאַרקסיסטישע שטאַטסטעאָריע" אז „דער מאָדער־נער שטאַט שפרייט אויס די גרעניצן פון זיין אריינמישונג" אין עקאָנאָמישן לעבן און אין „דער ספערע פון אינדיווידועלע און פאַמיליען־רעכט".

„די אנטוויקלונג פון דעם שטאַט האָט פאַלגלייך געגומען אן אנדער ריכטונג, ווי די וואָס ס'האָבן פאָרויסגעזען מארקס און ענגעלס, וועלכע זיינען געווען באאיינפלוסט פון די ליבעראַל־אַנאַרכיסטישע טענדענצן פון זייער צייט" (קונאָוו, „די מאַרקסיסטישע שטאַטסטעאָריע", זייט 319.)

קלאָר, אז די דערפאַרונג פון דער קאָמונע מיינט גאָרניט פאר אָט־די רענעגאַטן, און די דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאַט וועט קיינמאָל ניט זיין זייער פּראָגראַם. זיי קערן זיך אָפּ פון די רעוואָלוציאָנערע האַנדלונגען פון דער קאָמונע און, צוזאַמען מיט זייער האַס צו די באָלשעוויקעס, לויבן זיי יענע טעותן, וואָס די קאָמונע האָט געמאַכט, אף וועלכע מארקס האָט אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען געווען איינס פון די הויפּט־אורזאַכן פון דער ני־דערלאַגע פון דעם פראַנצויזישן פּראָלעטאריאַט — זייער אומאַנטשלאָסנקייט אין קאַמף קעגן די ווערסאַלער, זייער ווייכקייט און וואַקלען זיך, זייער אומ־ווילִיקייט אָנצוהויבן אַ בירגער־קריג און אָנצופירן אים אומברחמנותדיק ביזן סוף.

אין דער צייט פון דער קאָמונע זיינען די פאָרגייער פון די סאָציאַל־פאַשיסטן פון היינט — טאָלען, מיטגליד פון אינטערנאַציאָנאַל, און לואי בלאַן, דער קליינבירגערלעכער פראַזעאָלאָג — איבערגעגאַנגען אף דער זייט פון די ווערסאַלער. אין אונזער צייט, מיט אירע נאָסקעס, צערגיבעלס, קאַטוסקים און הילפערדינגס, האָבן די שקלאַפן פון דער „הייליקער (בור־זשואַזער) דעמאָקראַטיע" דעזערטירט צום לאַגער פון די היינטיקע ווער־סאַלער, וועלכע ווילן פאַרניכטן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאריאַט און ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליזם.

עקזאַמען-פראַגן

1. וואָס זיינען געווען די כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דער עפּאָכע פון ערשטן אינטערנאַציאָנאַל?

2. וואָס זיינען געווען די סאָציאַלע וואָרצלען פון פּרודאָניזם און באַקו־ניניזם?

3. פאַרגלייכט דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און דעם קאָמינטערן (אין באַ־צוג צו פּראָגראַם און סטאַטוטן), אָנווייזנדיק אין וואָס זיי אונטערשיידן זיך און אין וואָס זיי זיינען גלייך.

4. וואָס זיינען געווען די הויפּט־טעותן פון דער פּאַריזער קאָמונע.

5. וועלכע פאַזן פון דער טעטיקייט פון דער קאָמונע מאַכן זי פאַר א פּראָטאָטיפּ פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור?

ביכער צום לייענען פאַר דער לעקציע

(א) וועגן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל.

סטעקלאָוו, געשיכטע פון ערשטן אינטעראַנציאָנאַל.

(ב) די פּאַריזער קאָמונע.

מאַרקס: „בירגער־קריג אין פראַנקרייך“. דאָס איז דער בעסטער טעאָרעטי־שער און היסטאָרישער אַנאַליז פון דער קאָמונע, געשריבן באַלד נאָך איר נידער־לאַגע און אַרויסגעגעבן אלס אַן „אַדרעס פון דעם גענעראַל־ראַט“ פון דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, מיטן צוועק אויסצודריקן זיין סאָלידאַריטעט מיט די קאָמו־נאַרן, וועלכע זיינען געזידלט, פאַרלוימדעט און אָפּגעשפּאָט געוואָרן פון דער גאַנ־צער בורזשואַזער עפנטלעכקייט. באַזונדער וויכטיק זיינען יענע, אין וועלכע מאַרקס אַנאַליזירט די גרונטזעצלעכע האַנדלונגען פון דער קאָמונע און ער ווייזט, אז דער פּראָלעטאַריאַט האָט, אַזוי שנעל ווי ער האָט געוואונען די מלוכה־מאַכט, אינ־סטינקטיוו זיך גענומען צו אַזעלכע מיטלען, וואָס וואָלטן אָפּגעשאַפט די מלוכה. אין זיינע בריוו צו קוגעלמאַנען ווייזט מאַרקס אָן אויף די וויכטיקסטע טאַקטישע טעותן פון דער קאָמונע. אין „שטאַט און רעוואָלוציע“ פאַרנעמט זיך לענין בריט מיט דער שטאַט־טעאָריע אין „דער בירגער־קריג אין פראַנקרייך“ צוזאַ־מען מיט אַנדערע אויסדריקן פון מאַרקסן און ענגעלסן וועגן דער זעלבער פראַגע און ער אַנטוויקלט די טעאָריע ווייטער. זע לענין וועגן דער פּאַריזער קאָמונע.

ליסאַגאַרעי: „די פּאַריזער קאָמונע“, גיט א דעטאַליזירטע באַשרייבונג פון די פּאַסירונגען, אַנטהאַלט א סך דאָקומענטן מיט דעם עכטן טעקסט און קריטי־קירט די מיליטערישע פירערשאַפט.

קראָפּאָטקין: „די פּאַריזער קאָמונע“, דיסקוסירט און פאַרדאַמט די קאָמונע פון דעם אַנאַרכיסטישן שטאַנדפּונקט.

פאַרלאַג אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער אָרדן

שול-ביכער :

קינדער

פארן ערשטן לערנ־יאָר, צוזאמענגעשטעלט פון ד. טאראנט און ב. פרידמאן. (160 זייטן געבונדן). פרייז 70 סענט, פאר שולן 40 סענט.

שטאָט

פארן 3טן לערנ־יאָר (48 זייטן). פרייז 25 סענט, פאר שולן 15 סענט.

אונדזער שול

פארן דריטן און פערטן לערנ־יאָר, פרייז 35 סענט, פאר אונדזערע שולן 15 ס.

אַמעריקע

פארן 4טן לערנ־יאָר (64 זייטן). פרייז 35 סענט. פאר אונזערע שולן 15 סענט.

ערשטער מאַי

פארן דריטן און פערטן לערנ־יאָר, פרייז 10 סענט, פאר אונדזערע שולן 5 ס.

צום נייעם לעבן

פארן דריטן לערנ־יאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט, פאר שולן 15 סענט.

7טער נאָוועמבער

פארן פערטן לערנ־יאָר (96 זייטן). פרייז 35 סענט, פאר אונזערע שולן 15 סענט

אַרבעט און קאַמף

פארן דריטן און פערטן לערנ־יאָר. פרייז 40 סענט, פאר אונדזערע שולן 20 ס.

פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע ביכער :

דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־אָרדן

געשיכטע, אויפגאבן, צילן. פון מ. אָלגין. פרייז 25 סענט. פאר ברענטשעס פון אינט. ארב. אָרדן 10 סענט.

סאָוועטן־פאַרבאַנד בויט סאָציאַליזם

פון מלך עפשטיין. מיט אילוסטראציעס, (128 זייטן). פרייז 35 סענט. פאר ברענטשעס פון א. א. אָ. 20 סענט.

סאָציאַלע פאַרזיכערונג

(אין אמעריקע, אין אנדערע קאפיטאליסטישע לענדער און אין סאָוועטן־פאר־באנד). פון ש. אלמאזאָוו. 96 זייטן. פרייז 40 סענט, פאר ברענטשעס פון א. א. אָ. 20 סענט.

די מלחמה־געפאַר

פון אלעקסאנדער ביטעלמאן. פרייז 20 ס. פאר ברענטשעס פון א. א. אָ. 15 ס.

קאַפּיטאַליזם — סאָציאַליזם — קאָמוניזם

א קורס פון 15 לעקציעס. פרייז 50 ס., פאר סטודענטן פון ארב. אוניווערזי־טעט און מיטגלידער פון א. א. אָ. 25 סענט.

RADIO PRESS, Printers & Stationers 369 655 Sixth Ave., N. Y.